STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08313

BEYMER IN VINT

Abraham Lev

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם לעוו

*

ביימער אין ווינט

אברהם לעוו

ביימער און ווינט

לידער און פאעמעס

פארלאג
י. ל. פרץ
ישראל

תל־אביב — 1960

פאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31.

אברהם לעוו / ביימער אין ווינט

ABRAHAM LEW

BEIMER IN WINT

PUBLISHED BY I. L. PERETZ LIBRARY

31, Allenby Str., Tel - Aviv, Israel

©

Printed in Israel

נדפס בישראל

דפוס „בני־שאול" ת"א.

ליכטיקע אותיות

אין דער זאַמלונג לידער און פּאָעמעס, גייט אַריין
אַן אָפּקלייב נאָר פון מיינע קיבוציש־חלוצישע מאָטיוון,
געשריבן און פאַרעפנטלעכט אין פאַרשידענע צייט־
שריפטן און זשורנאַלן — פון גאָר דער יידישער
וועלט — אין די יאָרן 1935—1960, וועלכע זענען
ביז היינט נישט געזאַמלט געוואָרן אין אַ בוך.

*
* *

פייגעלעך זינגען אויף דעכער.
ביינאַכט — דאַווענען שטערן.
מיין האַרץ איז מתפלל נאָך העכער —
נאָר ווער טוט עס הערן?

אַ מוילוואָרף פאַרגראָבט זיך אין נאָרע,
מען זאָל אים נישט קאָנען דערשפירן.
אַ פּיקהאָלץ, ער פּויקט אין דער קאָרע,
איך — פּינטל אויף ווייסע פּאַפּירן.

מיין האַרץ אין די פּינטעלעך דינע
גיס איך אַריין — דאָס באַשווערטע,
אַט ווי ס׳וואָלט געפלאַטערט די שכינה
אַריבער די יידישע ווערטער.

מיין האַרץ טוט זיך דאָרטן פאַרבאָרגן,
און קוקט ווי געפאַנגען אַרויסעט,
עס קוקט אַזוי ווי דער מאָרגן —
דורך דינע און ליכטיקע אותיות.

פאַרן בלוי פון מיין שויב

אַ דאַנק און אַ לויב:
פאַרן בלוי פון מיין שויב,
פאַרן בוים וואָס איז גרין,
פאַרן האָניק פון בין;

פאַר דיין אויג וואָס איז וואַך
איבער מיר און עס לוגט
אויף מיין שטיבל מיט סכך,
אויף מיין ברויט וואָס גענוגט,

אויף מיין קינד אין דער וויג,
וואָס מיט אייגעלעך בלוי
אין זיין בעטעלע ליגט
און אַרום — פרישער טוי.

דערהער מיין געבעט
פון מיין האַרצן וואָס טריפט;
נישט פאַרשמייסן דער ווינט
זאָל מיין ברעטערנעם צריף.

איך שיק מיינע רייד
צו דיר מיט פאַרלאַנג,
אַז אויפגיין אין בייט
זאָל געראָטן מיין זאַנג.

עס זאָל נישט מײַן מי
אַװעקגײן אויף לער, —
גאַנצע טעג פון דער פרי
איך פּאַרטו אויף דײַן ערד.

אַ דאַנק און אַ לויב
פֿאַרן בלוי פון מײַן שויב,
װאָס ליכטיקט און קלאָרט,
פֿאַרן געבערדלטן גערשט,
פֿאַרן ליד װאָס דערהערסט,
פֿאַרן װאָרט.

1935

דאָס פעלד איז היינט געווען גוט צו מיר

דאָס פעלד איז היינט געווען גוט צו מיר אַזוי.
פֿאַרטאָג, ווען כ׳בין אַרויס, האָט עס געבאָדן זיך אין טוי;
און ווי בורשטינען, האָבן טוי־טראָפּנס געפינקלט אינעם גרינעם גראָז.

אַדורכן פעלד האָט זיך אַדורכגעיאָגט אַ יונגער האָז,
וואָס איז אין איילעניש אַנטלאָפן און פאַרפּלאָנטערט זיך אין ווייץ.

דער הימל געלעגן איז כמורנע, ווי אַ שטערן צעקנייטשט,
מיט וואָלקנס זילבערנע, וואָס האָבן זיך געצויגן און צעגאַנגען
ווי אַ רויך
דער טוי אַראָפּגעטריפט האָט, ווי אַ דינער רעגן פון דער הויך,
געמאַכט די האָר מיר פייכט אַזוי און ווייך.
פון וויטן זענען די יהודה־בערג געלעגן איינגעוויקלט, ווי אין ווייכן
טיול,
די שפּיצן האָבן זיך פון נעפּל שטיל אַרויסגעשיילט,
געלעגן, ווי אַנטבלויזטע בריסטן אַנטקעגן יונגן טאָג,
וואָס האָט מיט ערשטן שטראַל אַרויסגעשפּראָצט פון איבער זיי.

ס׳האָט עפּעס אַנגענעם אַזוי גענאָגט,
אַ צער, און אפשר גאָר אַ שטילע פרייד?
אַ שטילע פרייד, וואָס איז גערונען איבער מיר מיט קילן טוי.
די זאַנגען האָבן זיך געוויגט מעוברתע מיט יידיש־ברויט,
געגלעט מיר מיינע הענט מיט זייער ווייכן פוך...

די טראַקטאָרן געשטאַנען זענען שטיל, באַרוט,
געוואַרט אויף הענט, וואָס דאַרפן קומען אויסגערוט דורך נאַכט —
אַריינגיסן אין זייערע געדערעם וואַרעם בלוט —
בענזין — און לאָזן זיי אין גאַנג.

איך בין געשטאַנען אויף די פעלדער נישט דערשלאָפן, מיד
און אויסגעזונגען העל מיין יידיש־ליד
צוזאַמען מיטן טוי, וואָס האָט געפינקלט אינעם גראָז,
צוזאַמען מיטן הימל, וואָס באַפאַרבט איז ראָז.

דאָס פעלד איז היינט געווען גוט צו מיר אַזוי,
געאָטעמט קיל מיט ווייסן נעפל מיט שטילקייט און מיט רו.
די קליינע קילע טראָפּנס טוי
געלעקט האָבן דעם באָרוועס פון מיין פוס.

עס האָט אַרומגענומען מיך אַ פריידיקער געפיל פון גליק:
אַליין איך בין פון דעם פאַרטאָגעדיקן פעלד אַ שטיק,
די פייכטע האָר מיינע איז גראָז, און איך אַליין בין רויע ערד —
די בליונג האָט פון מיר מיט זאַפט און גרינס אַרויסגעקוועלט.

ס'איז היינט געווען דער באַגינען גוט צו מיר אַזוי,
אויף גרינעם פעלד געטריפט מיט בענטשונג און מיט טוי———

1938

כי טוב

ס׳קערט אום זיך די טשערעדע שאָף,
דער פֿאַסטעך פֿאָראויס — אַ חלוץ.
גישט מיד ווערן זאָגן: כי טוב!
מיין היים אין דעם גרויסן קיבוץ.

די מי איז געזונט דאָ און פריש,
ווי לויטערער פריילעכער קוואַל.
עס שמעקט ביי דעם שותפותן טיש
מיט ברכה פון שוויס און פון שטאַל.

דער קעז און די מילך און דאָס ברויט —
צעשטעלט אין דער לענג פונעם טיש,
און זופּ פון קאַרטאָפל מיט קרויט
פון אייגענער פּראַצע און מי.

די פרייד איז דאָ דורכזיכטיק דין,
וואָס קוים־קוים מ׳קען עס דערזען, —
די פרייד פון „המוציא לחם מן...״
מיט אייגענע פינגער, מיט צען.

ווער ס׳אַרבעט אין גאָרטן, אין קיך,
ווער ס׳אַרבעט אין גרויסן פרדס.
אַליין — ווי קליין איז דער „איך״,
צוזאַמען — ווי גרויס איז דער נס.

אַ שפּאַנען פון הונדערטער טריט
איז — טויזנטער דונאַמס פאַרזייט.
קיין וווּנדער, וואָס הילכט אונדזער ליד
מיט קלאַנג פון באַהאַלטענער פרייד

פאַר דעם וואָס מיר טוען אויף דאָ
פאַר זיך און פאַר אַלעמענס נוץ.
נישט מיד ווערן זאָגן: כי טוב!
מיין היים אין דעם גרויסן קיבוץ.

1935

אויף מאָרגן נאָך דער שׂמחה

שוין טאָג.
אַ מילדע זון אין פענצטער טוט באַגריסן.
ס׳איז שווער
דעם קאָפּ אים אויפצוהויבן פון דעם קישן,
ווייל וואָס איז דאָ צו ריידן, —
אָנגעטאָנצט זיך נעכטן, ווי אַ בער,
מיט מיידן.

ווי אויף אַ גוף אַ פרעמדן,
ער ציט אויף זיך די הויזן און דאָס העמדל,
ס׳הענגט שווער זיין קאָפּ, אַהער אַ וויג, אַהין אַ וויג,
די אויגן שפּריצן פונקען.
ווייזט אויס אַז גאָר נישקשהדיק
האָט נעכטן ער אַריינגעטרונקען.

די זון הייבט העכער זיך און פלאַקערט,
עס וואַרט אויף אים דער טראַקטאָר און דער אַקער.
ער רעדט צו זיך: די אַרבעט ברענט...
ער מאָנט ביי זיך: די צייט — זי פליט,
איז נעם זיך פעסטער, חבר, אין די הענט
און צו דער מי!

דער טראַקטאָריסט

דער טראַקטאָר רוישט
און אויפֿן טראַקטאָר זיצט ער,
אַ יונג פֿון בראָנדז;
די פּלייצעס גלאַנצן — קופּער; אַ פּאַרשוויצטער,
אַ גרויסע שטרויהוט
אויף זיין געדיכטער שעוועליורע,
און פֿון די מוסקולירטע הענט —
אָטעמט גבורה.

ער זיצט ביים ראָד און שווימט, —
אַ ווילדער אָפּגעבריענטער רייטער.
דער טראַקטאָר אויף די ברייטע קייטן
זיך קייקלט וויטער, ווייטער.
דער ברייטער אַקער רייסט די ערד
אין שוואַרצע פּאַסן,
ווי ס׳וואָלט דאָס גלאַנצנדיקע מעסער
מיט קרקע־בתולה זיך געוואָלט פּאַרקנסן...

אַרום דעם פעלד
ליגט פריי דער פליין אַ ברייטער,
וואָס הערט געדולדיק צו דעם קלאַנג
פון טראַקטאָרישע קייטן.
דער טראַקטאָריסט,
דערנענטערט זיך, ווערט העכער, גרעסער,
און אונטער אים די ערד געדולדיק וואַרט
אויפֿן ברייטן אַקער־מעסער.

אָמן!

אין גאָרטן ביי מיר וואַקסן דיניעס,
אַרבוזן
מיט גרין רונדע ליניעס,
ווי ערד וואָלט געשיקט אירע גרוסן:
אָט זעט,
זאָל זיין איך צו זעט!

די בלעטעלעך גרינע
זיך שפרייטן, ווי פינגער
צו גאָט.
אַ שטילע נגינה
פון פייגעלעך זינגער
אין סאָד.

עס דרייען זיך פריילעך די קופערנע שפריצער
מיט וואַסער, מיט קלאָרן
און בלינצלען אין זון.
אַ יעטוועדער טראָפּן — אין לופט גיט אַ בליץ ער
מיט רונדע אוזאָרן
און פאַלט, ווי צעשמאָלצן טשעהון.

אין גאָרטן ביי מיר וואַקסן מערן,
און ציבעלעס, רעטעך;
אין סאָד וואַקסן פלוימען
דיין אויער לייג צו, וועסטו הערן
די ברכה וואָס שפּאַרט פון דעם שטח:
אָמן!

תחילת אָוונט

תחילת אָוונט.
שטערן פאַלן.
בילן כלבים,
יאָמערן שאַקאַלן.

שווימט לבנה אַ פאַרשייטע
אין אַ ליכטיק הייבל.
אין אַ שטיבל פונדערווייטן
רויטלט זיך אַ שייבל,

רויטלט, פינטלט,
ווי אַ גראָשן;
קומט אַ ווינטל —
ווערט פאַרלאָשן.

ווערט דער דרויסן
טיפער, שוואַרצער,
אַזאַ חושך,
ווי אין האַרצן;

אַזאַ עלנט,
אַזאַ אומעט —
חושך נעמט דאָ
אַלץ אַרומעט

און פאַרוויקלט
און פאַרהילעט
מיט רצועות,
ווי פון תפילן.

אויך דאָס ביימל,
אַט דאָס גרינע,
שפּריצט אין נאַכט
מיט שוואַרצער שנאה.

און דער שטיק,
וואָס וואַכט ביים גרענעץ,
הער, אויף קולי־קולות
גענעצט...

גייסטו ווייטער.
גראָזן וואַקסן.
רייבט דער רימען
אויפן אַקסל.

שפּאַנסט מיט איר
אַריבער פליינען,
גאַרסט צו אָנטרעפן
דעם שונא...

ליגט די נאַכט —
אַ שוואַרצער שאַרבן.
שלעפן דערנער דיך
ביים אַרבל;

דערנער פירן דיך
און קרייזן.
ווער וועט איצט
דעם וועג דיר ווייזן?

אין דער פינצטער
הויבסט אָן טאַפּן...
הערסט אַ קלעטער,
הערסט אַ סאַפּען;

כאַפּסטו גלייך זיך
צו דעם נשק———
ס'איז דער הונט
פון אונדזער משק...

זעצסט אַוועק זיך
לעם אַ בוימל.
מאָרגן ווערסטו
בענטשן גומל...

לחיים

ווערטער שפּרינגען אָפּ פון צער,
ווערטער קושן זיך מיט פרייד.
דו ביסט האָר,
איך — דיין פּראָסטע קלייד.

דו — דאָס וואָרט וואָס גליט
צעבלוטיקט אויפן פלאַם,
איך — דער ייד
פון יעקבס שטאַם.

וואָס איז אַדורך אַ מדבר לאַנג
ביז צום געגאַרטן לאַנד,
און אויפגעהאָדעוועט אַ שאָף, אַ זאַנג,
און אויפגעשטעלט אַ וואַנט,

געדעקט אַ דאַך, געשטעלט אַ טיר
דורך שוויס און בלוט.
כ׳טאָפּ אָן די ווענט מיינע, די פיר,
און זע: ס׳איז גוט!

עס גיט דאָס פעלד מיר ברויט צו זעט,
דער ברונעם — מים.
איך הייב מיין אייגענעם געשטעלטן מעד —
לחיים!

לחיים, מאָרגנבלוי,

לחיים, פרישער טוי,

לחיים, וועלט,

לחיים, פעלד!

אַיעדער טאָג פון ס׳ניי מיין מידע האַנט

לייגט אָן אויף מיר דעם עול:

לחיים, לאַנד,

לחיים, פאָלק!

.1937

עס שפּאַנט זיין טראָט

...ויהי עשו איש שדה ויעקב איש
תם יושב אהלים. (בראשית קאַפּ. כה).

עס שפּאַנט זיין טראָט אויף פעלדער ברייט,
די זון — אַ פייערדיקער פלאַקער,
און ווי אַ מעסער בליצט אין בייט
דער בלאַנקער אַקער.
דער טראַקטאָר שלעפּט נאָך זיך די שווערע קייט
מיט אַ געקלימפּער,
און פריידיק רייסט איצט אויפעט בייט נאָך בייט
דער שאַרף דער טעמפּער
פונעם מעסער, וועלכער שניידט זיך איין אין באָדן,
מיט מענערישער ליבשאַפט אָנגעלאָדן.

אין אָוונט, ווען ער קומט אין זיין געצעלט,
אָט ווי פון עשון עס שמעקט פון אים מיט פעלד,
מיט זון און ווינט,
מיט אָנגעפּוישטע וואָלקנס רעגן.
אין ווינקל שלאָפט זיין קינד,
געגענט ער אויף די שפּיצן נעגל, —
ער בייגט זיך איבער אים אַריבער
און קושט זיין ווייסן שטערן, ווי אַ ספר;
עס גייט זיין לייב אַ פרייד אַריבער:
אָט ליגט ער דאָ און שלאָפט, זיין זון,
וואָס נאָכן אַקער וועט ער גיין, ווי דו,
און זייען אויף די ברייטע פעלדער ווייץ און... רו.

און אַז ער טוט זיך אויס פון יאָך —
ביז מיטנגאַכט ער זיצט פאַרטיפט
איבער ספרים און איבער שריפט,
און וואַרפט אָן אותיות קרומע;
ער איז אין ווייטע עולמות פאַרשווומען
און פאַרטראָגן.
עס הייבט אָן טאָגן — — — —

אויף מאָרגן, ווען ער גייט אַרויס צוריק אין פעלד,
עס שמעקט פון אים, ווי פון דעם אור־זיידן, פון יעקבן מיט אהל,
מיט געצעלט.

מה מליל?

א

שוואַרצע נעכט
מיט ווייסע וואָלקנדלעך באַזוימט.
עס פירט אַ שטיל געפעכט
דערווינט מיט בוים.

ער בייגט זיין קרוין אַראָפּ צו דר׳ערד
און שויבערט זיינע צווייגן.
די נאַכט — אַ בלויע — הערט
ווי שטערן שווייגן.

אַ שטילער גאַנג
פון די כוכבים און מזלות,
לבנה־שטראַל — אַ פינגער לאַנג —
אַ ליכטיקער, פון שטאָל איז,

אַ לייכט גיט אין אַ שויב
און ווערט צוריק פאַרלאָשן.
אַ שטערן גיט אַ פאַל — אַ ווייסע טויב
דער שוואַרצער הימל האָט אַראָפּגעשאָסן.

די טויב איז אויס...
די פינצטערניש איז גרויס.
חצות.

ב

אַ שאָס...
שאַקאַל־געוויין,
איז וואָס ? —
מען איז געווינט.

דער וועכטער היט,
דער וועכטער וואַכט.
עס הילכן טריט —
אַ גוטע נאַכט.

ער שפּאַנט אַהין
און שפּאַנט צוריק,
זיין טראָט איז גרינג
און שאַרף זיין בליק.

און אַז ער ווערט
אַ ביסל מיד,
באַגלייט אַ מלאך
זיינע טריט;

דער שטערן מאָנט,
עס מאָנט די נאַכט:
די גרענעץ באָנט, —
זיי וואַך, זיי וואַך!

ג

עס פּאַטשט אין שויב אַ דינע צווייג,
עס רוישט אַ קוסט אין גאָרטן,
עס קרייט אַ האָן אין הינערשטייג
און עפּעס טוט זיך דאָרטן.

דער אייזל הירזשעט אינעם שטאַל,
פאַרגייט זיך, ווי אַ שופר,
און אין דעם סאָד האָט אַ שאַקאַל
געיאָמערט אָן אַן אויפהער.

אין קינדערגאָרטן — אַ געכליפּ,
איך הער אַ קינדער־שטימע —
עס גיט ביז ווייטיק מיך אַ ציפּ:
„אמאלע, אַ, אמא!"

אַ קינד האָט דאָרט זיך אויפגעוועקט
פון חלומען מסתמא,
עס שפּרייט די הענטלעך אין שרעק
און זוכט אַרום די מאַמע.

איך גיב אַ לאָף. אָ, מיר זאָל זיין
פאַר דיין איין־אײנציק טרערל...
ס'איז האַלבע נאַכט, לבֿנה שיינט
און שטערנדלעך — ווי פּערל.

ד

נאָך ווייט צו טאָג.
די שעהען כ׳צייל.
זאָג וועכטער, זאָג:
מה מליל?

לבנה — האַלב,
אַ שטערן־ווונק.
אַ שאָס... אַ זאַלפּ...
אַ בליץ... אַ פונק...

ס׳איז ווידער שטיל.
די וייטקייט שטומט.
מען הערט אַ ביל,
אַ חיה ברומט.

אַ היענע קלאָגט
דאָרט אין איר הייל.
זאָג וועכטער, זאָג:
מה מליל? ———

1955

גוט מאָרגן!

גוט איז קענען זיך אַליין און ווייסן
צו פאַרטרייבן אַלע זאָרגן.
יעדן איינעם אויפן קול באַגריסן:
גוט-מאָרגן!

אפילו דעם וואָס גייט דיר שטום פאַרביי,
זיין שטים אין זיך פאַרבאָרגן, —
ניט דיין עסק, סיי ווי סיי,
הייב אויף דיין קול און שריי
אים אין געזיכט אַריין: גוט מאָרגן!

פ אַ ר ג י ב !

פאַרגיב !
מיט אַלע דיינע שוואַכקייטן,
איך האָב דיך ליב.
פאַרציי !
פון אַלע רייסעניש און פאַרטייען־שטרייטן
שטיי איך אָן אַ זייט.

כ׳בין ווי אַ קינד, —
פון אַלע דיינע רעדנער און דברנים
דערהער איך נאָר דעם ווינט
און דעם שאַקאַל, וואָס שרייט.
די שטעט און די געמאַרקן דיינע
איך פאַרמייד.

כ׳בין פול מיט פרייד.
כ׳האָב ליב דאָס דאָרף, די ערד,
די בייט,
די שאָף, —
און נאָך דער מי פאַרזינק איך
אין געזונטן שלאָף.

מיך רופט

די ערד, וואָס וואַרט אויף פּרוכפּערונג און מי.

איך האָס די לייט פון לופט,

מיט טעקעס לעדערנע אונטערן אָרעם,

מיט פולע בייכער רייד,

אָט ווי דעם טויט.

ביסט גליק,

נאָר דיינע מעקלערס וועלכע האַנדלען מיט דיין לייב

טוען דיך דערשטיקן. —

פאַרגיב!

מיט אַלע דיינע שוואַכקייטן

איך האָב דיך ליב!

דער זייער

ער קערט זיך אום פון פעלד,
עס שפּאַנט זיין טראָט מיט פרייד:
ער האָט דאָך היינט אַ פעלד
מיט קערנער־גאָלד פאַרזייט.

עס קלעפּט זיך נאָך דער שטויב
צו זיין פאַרברענט געזיכט.
איך זע אים דורך דער שויב
פאַרבייגיין אומגעריכט.

איך וואַרט אים אָפּ ביים שוועל,
זיין בליק — אַ בלויער פונק.
איך טראָג אַנטקעגן אים
אַ קאַלטן טרונק.

ער נעמט מיט ברוינע הענט
דעם וואַסערשעפּ צום מויל
און טרינקט אַ בלויען קוואַל
מיט ליפּן רויט ווי קויל...

ער בלייבט אַ ווײַלע שטייַן,
ווישט אָפּ די פייכטע באָרד.
אים ליגן קערנער נאָך
פאַרפלויגן אין די האָר,

ווי פינטעלעך פון גאָלד,
אין באָרדיקן געדיכט.
דער דרויסן לעשט זיך קיל,
נאָר ס׳לייכט נאָך זיין געזיכט.

עס רעדט דער פויער־פּאָעט

א

אַ דאַנק פאַר מיין געזונטער אָפּגעברענטער הויט,
פאַר וואַסער, קילן און פאַר ברויט;
פאַר אויג וואָס ליכטיקט, טוט אַלץ זען,
פאַר פינגער אויסגעהאָרעוועטע צען —
דורכזיכטיקע שטראַלן, —
וואָס ציען ברויט אַרויס פון דר׳ערד
און וואַסער פון די קוואַלן.

ב

פעסט איז דער באָדן, אויף וועלכן עס טרעט
דער פויער־פּאָעט.
און כאָטש דער גוף איז מיד,
און מאַט —
דאָך איז זיין ליד
און זיינע רייד
אָנגעפילט מיט ליכט און פרייד
וואָס איז אין אים פאַראַן.
פון דעם ווייסט נאָר דער מידער מאַן,
וואָס מיט זיין ערלעכקייט איז אים באַשערט
אַרויסציען דאָס ברויט
פון דר׳ערד
אין טאָגעדיקער שייך,
און זייען ליין
פאַר העמד און קלייד.

ג

פאַרנאַכט איז מיר פרעמדלעך דער רויך פון קאַפּייען,
דער פּוסטער געפּלאַפּל ביי שוימיקע גלעזער.
נישט מיר קאָנען פרייען
די שיכורע, נאַרישע נעזער;
עס שוימען די פלעשער און פליצן,
מען זשליאָקעט אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז;
מ׳איז כלומרשט אין טיפע מחשבות פאַרזונקען:
דעם וועלטשמערץ מען טראָגט אויף דער פּלייצע —
דאַרף מען אים פאַרטרינקען...

ד

פאַרנאַכט. נאָך טאָג פון מי אין פעלד
איז גוט די קילע, די שטיינערנע שוועל.
אַ ים־ווינטל גלעט דאָס דערשוויצטע געזיכט.
לבנה זיפט איר זילבערנע ליכט
אויף די ציפּרעסן־קרוינען.
אַ גריי־ווערעמל גליט, ווי אין אַ טונקעלן רעמל.
דער הונט, דער ברוינער,
פאַרשטעקט זיין וועלפישע מאָרדע אין די קני
און דרעמלט.

אַ טאָג פון מי.
אויפן בריקל אויפן שטיינערנעם, ביז שפּעט
זיצט דער פויער־פּאָעט
און וועבט זיין ליד.

מיין זון פון זיבן יאָר

ס׳איז וואָר:
מיין זון, וואָס טראָגט אויף זיינע פּלייצקעלעך
די רונדע, פולע
זיבן יאָר —
ער איז דער ערשטער דור
פון דער גאולה.

ס׳איז וואָר:
ער איז דער ערשטער דור,
מיין יינגעלע מיט שוואַרצע האָר
און אויגן בלוי —
באַפליגלט מיט בטחון.
ער ציטערט שוין נישט פאַרן גוי
דעם שכן...

ס׳איז וואָר:
ער איז דער ערשטער דור
פון דער באַפרייונג.
ס׳געהערט צו אים
דער הימל איבער אים,
די מאַמע ערד
וואָס ער באַטרעט;
דער ים,
די זון וואָס קושט אים די ברעמען...

זיין טאַטן דעם פּאָעט
זאָל זיין באַשערט
די נייע פרייד צו מאָלן און באַנעמען.

צו מיין לאַנד

א

ביסט קליין, נאָר דו ביסט מיין,
דו לאַנד פון ליכט, דו לאַנד פון שיין.
כמעט דאָס גאַנצע יאָר ביי דיר איז תמוז,
אַ ווו איך קער זיך, ווו איך גיב זיך נאָר אַ ווענד,
דיין ליכט דאָס זוניקע פאַרבלענדט;
פאַרגיסט מיט העל
מיין שוועל,
מיין צריפל,
וואָס שטייט אין פעלד,
ווי צוגעאַנקערט צו אַ ברעג — א שיפל
צווישן כוואַליעס בלוי און גרין,
און ס'וויגט עס אום דער ווינט.

סיי ווי פאַרפעסטיקט בין איך אין דיין קרייז,
ווי אַ בוים מיט וואָרצל און מיט שטאַם.
דיין ווייסקייט בלענדט — צעגליטער אייז
צווישן מדבר און דעם ים.

ב

ווי קאָן איך אָוועקגיין פון דיר,
פון דיין שוועל,
פון דיין הויז?
אַז דו ביסט אין מיר,
אין מיין זעל,
אין מיין בלוט וואָס עס רוישט,
אין דער זון וואָס זי שיינט,
אין דער לופט וואָס איך אָטעם אַריין,
אין מיין ברויט וואָס איך עס,
אין דעם טראָפּנדל זאַלץ.
דו ביסט פאַר מיר נס,
דו ביסט פאַר מיר אַלץ.

דיין יעדער באַגין
האָט אַ זין,
און פול איז מיט פרייל
עכער מי —
דיין אינדערפרי.
די אַרבעט מאַכט לויטער און ריין.
ווי קאָן איך אָוועקגיין פון דיר?
צי קאָן איך פון זיך אָוועקגיין אַליין?

ג

לאַנד,
באַוויז מיר דעם וועג,
פיר, ווי אַ קינד פאַר דער האַנט,
צו ליכטיקע טעג.

זיי נישט קאַרג,
דאָס ליכט לאָז אַריין,
שטופּ אָפּ דעם באַרג,
וואָס פאַרשטעלט מיר די שיין.

אַנטפּלעק מיר דיין ריכטיק געזיכט,
פעסטיק די טריט.
ביסט פול דאָך מיט לידער און ליכט.
פאַר וואָס אַזאַ שווערקייט ביי מיר אין געמיט?

אויב ווילסטו באַווייזן
גענאָד צו דיין קנעכט
און צום ליד וואָס איך שרייב —
די ראָבן וואָס קרייזן
און פּיקן דיין לייב —
צעטרייב!

ברען אויס מיט אַ פלאַקער
דעם פרעמדן און אייגענעם האַס,
אַז דער, וועלכער בייגט זיך ביים אַקער,
זאָל פילן די זיסקייט פון לאַסט.

אין גערֲאנגל

אין גערֲאנגל לֲאנג מיט זיך
פֿאַרן קלענסטן חלק, —
טו מיין פריינד איצט אויס די שיך,
ווייל דאָס אָרט איז הייליק.

יעדער טראָפּן ליכט און זון
איז דאָך אומגעהייער,
לערן, האַרץ, זיך אָפּ דערפון,
לערן האַלטן טייער.

יעדע רגע וואָס אַנטלויפט
וועט צוריק נישט קומען.
זע, די בין האָט אָנגעזויפט
זיך מיטן סאָק פון בלומען.

יעדער טאָג איז גרויסער נס,
שטייג־זשע אין געקלעטער!
אָונט הענגט שוין אין פּרדס
איבער צווייג און בלעטער.

זע געפלאַטער, פיל ווי זיס
איז דער פלי פון טויבן.
אָונט פינקלט ביי מיין טיש,
קוק איך דורך די שויבן:

קאַכל — רויט, און גראָזן — גרין,
פעלד צום וואַקסן גרייט זיך,
זאַפּ עס איין, דערפּיל דעם זין,
האַרץ מיינס, און דערפריי זיך.

גוט איז קאָנען זען, פאַרשטיין
פונעם זיין דעם זינען;
אויפן שווערן וועג צו גיין,
פאַרלירנדיק — געפינען.

אין שטאָט

ווען כ׳קום אין שטאָט,
דערפיל איך זיך ווי נישט קיין היגער,
ס׳ווערט וואַקלדיק מיין טראָט
און שיכור;
כ׳פאַרליר מיין זיכערקייט, מיין קראַפט.
עס גיט אויף מיר אַן אָטעם געזאָלין און נאַפט.
עס מאַכט מיך קראַנק דער רעש,
דער ווילדער,
וואָס אָטעמט אויס די גאַס
און טראָגט זיך פון די שילדן,
פון די שרייאיקע פלאַקאַטן:
„אַ זייגער דריי,...
די לויה פון מיין טאַטן...״
אַ פלאַקאַט אַ צווייטער שרייט:
— טעאַטער! —
און אַ פלאַקאַט אַ דריטער פינטלט זיס, —
(שעלמיש ווינקט צו דיר אַראָפּ די סטערווע)
ס׳איז אויסגעמאָלט אַ טענצערין מיט אויסגעטאָקטע פיס
און נאָר אַ פייגנבלאַט פאַרדעקט די ערווה
און די בריסט...

אַ בלינדער בעטלט ביי אַ וואַנט, אַ מידער.
אַן אַלטער מאַן זינגט אין אַ הויף.
און איך
דערשראָקן פון דעם טומל און האַרמידער
אַנטלויף
אויף גיך,
נאָר ווי מיט ווילדע אומגעזעענע הענט

דריקן מיך
די ווענט
צו זיך.
און אַז איך נייג מיין אויער
צו אַ מויער,
דער פראָסטער ציגל מיר אַנטפּלעקט
פון דער ערד דעם טיפן טרויער,
וואָס ליגט מיט שטאָל און מיט בעטאָן פאַרדעקט.

ווען כ׳קום צוריק צו מיר אין דאָרף
און צו מיין שוועל,
איך אָטעם פרישער אָפּ אוודאי;
עס שמעקט מיט גרינעם גראָז, מיט פרישן טאָרף,
מיט שעפּסן־פעל
וואָס טראָגט זיך פון דער סטאַדע.

דער הימל גיט זיך אַ צעשפרייט,
ברייט
איבער דעם באַשעפערס ווערק,
שפּאַרט אָן זיך אין די בערג.
אַלץ באַקומט אַ האַפט,
זיך אַליין דערפיל איך ווי אַ טייל פון זיין באַשאַף.

אין אַ קאַפּע מיט אַ חבר

זאָגט מיר אַ חבר אַ דיכטער:
— ס'אַ חרפּה פאַר לייט און פאַר גאָט,
ביסט אַלעמאָל ערנסט און ניכטער,
דו קומסט אַזוי זעלטן אין שטאָט.

גראָבסט ווי אַ טכויר זיך אין באָדן, —
אַ רעטעך, אַ בולבע, אַ מייער...
ווער האָט עס דעם יאָך אָנגעלאָדן
אויף דיר אַזוי שווער?

אַ דאָרף איז פאַרן פּשוטן מענטשן,
וואָס פילט נישט דעם געטלעכן גלעט,
ווי קומט עס פאַר דיר, דעם געבענטשטן
און גוטן פּאָעט?

זאָג, ווילסטו אַ טראָפּן, אַ ביסל
באַנעצן דעם טרוקענעם צונג?
אויך אונדזערס אַ מענטש דאַרף צו וויסן
דעם טעם פון אַ טרונק.

אָט זע, אין קאַפּע ווי ס'איז רוישיק,
עס שווינדלט אַ וועלט דאָ פאַרביי.
דורך גרויסע וויטרינעס דער דרויסן
קוקט אויס דאָך סיי אַנדערש, סיי ניי...

— העי, קעלנער! שטעל בראָנפן, גיב ליקער,
שטעל ווייַנען פון יעטוועדער מין! —
אַ דיכטער מעג זיין עטוואָס שיכור,
אַ מבין אויפן שענערן מין.

דו האָסט זיך אין דאָרף דאָרט פאַראַנקערט,
אַזוי ווי אַ שיף ביי אַ ברעג,
און צווישן קאַרטאָפל און זאַנגען
די טעג דיינע גייען אַוועק.

דו אַרבעטסט ביי‌טאָג אויף די בייטן,
אין אָוונט — פאַרמאַטערט און מיד,
צי האָסטו מיט וועם דאָרט צום ריידן ?
ווען שרייבסטו דיין דאָרפישע ליד ?

וואָלסטו געווען כאָטש אַ שניידער,
עס פאָרט זיך אַ שער מיט אַ שיר... — —
אַזוי האָט מיין חבר געשליידערט
מיט חוזק, ווי שטיינער, אין מיר.

אַ יעטוועדער וואָרט האָט באַליידיקט,
ביז בלוט האָט געטאָן עס מיר וויי. — —
ס'איז שפעט. אין קאַפע איז שוין ליידיק,
נאָר איך און מיין חבר, מיר צוויי.

איך וואַרט נאָך — ווי לאַנג וועט ער וואַגן ?
איך זע, ווי עס פינטלט זיין בליק,
דער ענגער ניילאָנער קראַגן
האָט זיין האַלדז, ווי אַ תליה געשטיקט.

אין בראָנפן, קרישטאָלענעם קלאָרן
זיך שפיגלט עלעקטרישע שיין.
נאָר פלוצים מיר נמאס געוואָרן
דער חבר, די טישלעך, דער וויין.

אים זאָגן... צי וועט ער דען גלויבן?
ס׳איז פרעמד אים מיין דאָרפישע שפּראַך...
די גאַס אין קאַפּע דורך די שויבן
מיט שטערן מיט זילבערנע לאַכט;

*

איך האָב זיך פון אָרט אויפגעהויבן,
געלאָזט זיך אַליין אין דער נאַכט.

דער ווינט אויף דער גאַס האָט געהודעט,
געפּאַטשט מיך, געגלעט און געקושט,
געבראַכט פון מיין דאָרף אין יהודה
אין שטאָט מיר אַ היימישן גרוס.

די ברכה פון דער ערד

אַ שטוב, אַ גערטעלע, אַ בלום,
אַ זון, אַן אייניקל... ווי גיך
די יאָרן לויפן דאָ.
דו קוקסט זיך נישט אַרום, —
עס רונדיקט שוין אַ פּליך,
און אין די שלייפן — גרויע האָר.

מיין לעבן אין קיבוץ
דאָ גייט.
איך בין אַ חבר גלייך ווי יעדער —
אַ חלוץ,
איך האָב די טעג מיינע צעשפּרייט
צווישן פעלד און סעדער.

דער הימל — טיף און ברייט.
אין הייסן ווינט, אין פלאַמיקן חאַמסין
באַוואַסערט כ׳האָב דעם שוואַרצן באָדן.
מיין אויג האָט זיך געפרייט:
די פעלדער זענען גרין
און גייען אויף געראָטן.

די קוקורוזע איז שוין געל,
און יעדעס בלאַט פאַרמאָגט איר קלאַנג,
איך שטופּ זיך דורך די שורות זייטיק.
אין צווייטן פעלד,
אַ יעדע זאַנג
איז פול און צייטיק;

געבענטשט גייט אויף דער קאָרן
אויף שטרויעלעך אויף פרומע,
וואָס וויגן זיך אַהין־אַהער...
דורך אַלע יאָרן
האָב איך באַנומען
די ברכה פון דער ערד.

די ברכה, וואָס די ערד
באַהאַלט אין לייב פאַרנוריקט,
און דורך דיין מי דו קאָנסט געפינען:
אַ געלן מייער,
אַ רויטן בוריק,
אַ ציבעלע אַ גרינע...

די טעג מיינע אין פעלד, אין סאָד
האָב איך געטאָן צעשפרייטן,
שפּאַנענדיק אויף ברייטע לאַנען,
פאַרטאָג, צוגלייך מיט גאָט,
בין איך צו דער עבודה
אויפגעשטאַנען.

ביידערנאַכט
די ביקס איז גרייט;
לבנה, ווי אַ דינער פענעץ,
ווינקט: זיי, וועכטער, וואַך,
טויט
לויערט ביי דער גרענעץ...

*

אוודאי בין איך מיד,
און אויסגעמאַטערט איז מיין גאַנג
דאָ צווישן בייטן;
נאָר דורך אַלע יאָר מיין ליד,
מיין יידישער געזאַנג
מיך טוט באַגלייטן.

איז גרינג געווען מיר אַדורכצוטראָגן אַלץ,
פון אַרבעט מאַט, מיט ליד פאַרשיכורט,
מיט נגינה.
איך וויס: חלוצים זענען דאָ די זאַלץ,
דער עיקר
אין דער יידישער מדינה.

איך וויס,
איך גליב די מענטשן מידע;
איך העלף זיי מיט מיין שוויס,
פאַראייביק זיי אין מיינע לידער...

ווי גיך
אַוועק שוין זענען פינף און צוואנציק יאָר
אין געזאַנג און אין עבודה.
עס ליכטיקט אויף מיין קאָפּ אַ פּליך,
און אויף די שלייפן גרויע האָר;
און אָט בין איך געוואָרן שוין אַ זיידע.

מיין יהונתן, צו דיר איך שרייב מיין ליד.
איך בין היינט אויפגעהייטערט.
עס הייבט אָן טאָגן.
דיין זיידע, קינד, איז שוין אַ ביסל מיד,
דאָך שפּאַן איך פונדאָסניי אַוועק זיך ווייטער, —
ווייל ס'איז מיט דיר מיר גרינג די מידקייט צו פאַרטראָגן.

מיין תימנער שכן

גורל דו מיינער, דו האַרטער,
אויף וואַלקנס אויף שוואַרצע קומסטו צו רייטן;
איך בין שוין פאַרמאַטערט פון וואַרטן
אויף בעסערע צייטן.

דער הימל ווערט גרויער און גרויער,
מיט וואָלקנס, ווי פאַרהאַנגען שוואַרצע, פאַרצויגן.
איך ליג מיט אַן אָפענעם אויער
צו דר׳ערד צוגעזויגן.

איך ליג און איך הער, וויל פאַרנעמען
געוויין פון די גראָזן די גרינע.
איך זע דורך פאַרשלאָסענע וויעס און ברעמען
דאָס פלעמל פון שנאה,

וואָס גרייט צו אַ שריפה, אַז טאָן זאָל אַ פלאַקער
די וועלט די שוין גרייטע...
איך עפן די אויגן, עס גייט זיך אַ ייד נאָכן אַקער
און גלייכט אויס די בייטן, —

אַ פיצעלע יידל מיט פלאַמיקע אויגן, אַ בערדל
האַלב־שוואַרצלעך, און האַלב־אויסגעקראָכן;
מיט טריטעלעך דראָבנע ער שפּאַנט נאָך זיין פערדל.
כ׳דערקען אים מיין תימנער שכן.

ער שפּאַנט אַזוי זיכער, אָן ספיקות, די פאות צעפלויגן,
אַ ביסל פאַרטראַכט און אַ ביסל פאַרחלומט,
ער גיט מיך אַ גלעט מיט צעפיבערטע אויגן
און טראָגט מיר אַנטקעגן דעם: שלום!

איך דריק אים מיט ליבשאַפט די האַנט די פאַרשוואַרצטע:
— מיין טייערער שכן,
צי קאָנסטו אַריינטריפן אויך אין מיין האַרצן
אַ טראָפן בטחון? —

גוטמוטיק שמייכלט מיין שכן פון תימן,
די אויגן — צוויי פינטעלעך פלאַקער:
די ערד איז דאָ גוט, די ערד איז דאָ וואַרעם...
און נעמט זיך צוריק צו דעם אַקער.

#ביימער אין ווינט

דריי ציפּרעסן

ווי שומרים אויף וואַך,
שטייען דריי ציפּרעסן עלנט אין נאַכט.
אַ פינצטערע וועלט, —
(ווי אין תהום פאַלט אַריין)
צופוסנס זיי שפּרייט זיך אַ פעלד
און איבער זיי, אַ זילבערן שטערנדל שיינט.

דריי ציפּרעסן שלאַנקע,
מיט שפּיצן פאַרשאַרפטע ביז דין.
דריי ציפּרעסן לאַנגע אין טונקעלן גרין,
עס וויגט הין־און־הער זיי דער ווינט.

די נאַכט — אַ שוואַרצע ליגט שטום,
רינגלט אַלצדינג אַרום,
די ביימער, דאָס בערגל און מיך אינדערמיט,
דעם מאַן מיט דער ביקס, דעם מאַן מיטן ליד,
וואָס האָרכט צום אַרום זיך דאָ איין
צופוסנס די ביימער, די דריי.

ביימער אין ווינט

דער ווינט שפּילט אַ ניגון.
ער ליולעט די ביימער און וויל זיי פאַרוויגן.
עס קוקן אַרום זיך די טאָפּאָלן שלאַנקע: וועט לוינען?
און גיבן קוים־קוים אַ באַוועג מיט די קרוינען,
באַוועגט און פאַרהאַקט.
עס קלינגען די צווייגן מיט זילבערנע בלעטער צום טאַקט.

און טיף אין דער ביימער־אַלייע
שטייט שטאָלץ ער, דער בוים גראַוועלייע,
מיט בליטן מיט געלע באַשאָטן,
און שפּרייט אין אַן עיגול זיין שאָטן.
דער שטורעם — אַן עקשן —
אַריין אין די צווייגן, וואָס זענען ווי קוסטעס באַוואַקסן,
אַריין ווי אַ לופטיקער פלאַם,
צעוויגט אים, דעם בוים, פון דער קרוין ביזן שטאַם,
אַזש ס׳פליען די בלעטער, ווי פייגלען פון נעסטן
צעשטערט.
נאָר דעם גראַוועליי האַלט פעסט
דער וואָרצל־געקנויל אין דער ערד.

דער פּיקוס שטייט
מיט פעסטן שטאַם
און גרינט,
די צווייגן, אויסגעשפּרייט,
ווי דאַמבעס האַלטן אויף דעם ווינט,
וואָס קומט ווי כוואַליעס אויפן ים
מיט בייזיקן צעשפּיל.
דער שטורעם וואָרפט זיך, וויל
דעם פּיקוס־בוים צעקנאַקן ווי אַ יאָדער.

צעברעכן אים, דעם לאָדער,
אויף פּיצלעך;
עס פליען בלעטלעך פון דעם בוים,
ווי זוניק־גרינע שפּריצלעך.

דער ציפּרעס־בוים — אַ ריז,
שלאַנק און שפּיציק, ווי אַ שפּיז,
פון מאַראַנצן־סאָד איז ער דער וועכטער,
לעכערט ער דעם שטורעם מיט געלעכטער.
וואַרפט דער שטורעם זיך אויף אים מיט אַ געוויין
און מיט אַ בייזערדיקן כליפּען.
דער ציפּרעס־בוים בלייבט שטיין,
נאָר זיין שטאַם טוט עטוואָס סקריפּען:
אַ וויג — אַהין,
אַ וויג — אַהער.
צו־להכעיס אים, דעם ווינט,
קוקט פון אויבן ער אַראָפּ אַרונטער
אינגאַנצן גרין,
און כולו־מונטער.

נאָר דער באַנאַנע־בוים שטייט שוואַך,
נעבעך, צום באַדויערן,
די בלעטער זענען גרויס און וואַך,
ווי ביי העלפאַנטן די אויערן.
דאָ דערפילט דער ווינט אַ האַפּערדיקער און אַ בייזער:
ער איז קייסער.

די בלעטער אָפּגעריסן, דער שטאַם צעבראָכן.
דער שטורעם האָט געפייערט זיין נצחון...

*

דער טאָפּאָלבוים אין ווינט,
וואַרפט זיין קאָפּ
וואָס גרינט, —
אַרויף־אַראָפּ
און בענטשט,
און קלינגט מיט דינע בלעטער:
די ערד איז פאַרן מענטש,
דער הימל פאַר די געטער...
נישט דראַפּע זיך, נישט קלעטער
אָן וווהין
אויף גלייכע ווענט.

עס טרעפט,
די בלעטער זענען גרין
כאָטש ס'איז דער שטאָם פאַרברענט,
צעבראָכן;
ווייס: באַהעפטן,
טו באַנייען.
האָב בטחון!
זיי גלייביק, —
(זאָל זיין כאָטש אין דיין זינען).
אַז אַלצדינג וועט געדייען,
גרינען
אייביק...

חמסין

חמסין.
הייסער ווינט
קומט פון מידבר
און פון סטעפּ,
טראָגט אָן טריקעניש
פאַר בוים און בלאַט.
צאַרטע רויזן לאָזן טרויעריק אַראָפּ די קעפּ
און וויאַנען, וויאַנען.
דופטיקע טוליפּאַנען
אין די דינע צווייגן
פאַרשליסן זיך און שווייגן.

די פייגלען זוכן שאָטן
אונטער דעכער און געזימסן,
אין די קריינען פון די ביימער
צווישן בלעטער ברייטע;
פאַלט אַ פייגעלע אַראָפּ אַ טויטע
בלייבט ביים שטאַם זי דאָרטן ליגן, —
שפּייז פאַר מוראַשקעלעך און פליגן.

חמסין.
ווינטן בייזע
בלאָזן,
לעקן זיי מיט צונגען הייסע
בוים און גראָזן,
מענטש און חיה.
ס'דוכט די גאַנצע בריאה
האַלט אין שרייען:
מים!...

אַ תפילה

וואָס ווייטער ווערט אַלץ וויסט
און זאַמדיקער דער וועג.
העלף מיר גאָט אַדורכגיין
דורך די שווערע טעג!

דו העלף מיר, העלף געפינען וואָרט
און אויסדרוק פאַר מיין ליד,
און נעם אַראָפּ — ביי מיר —
די שוואַרצע שלייערן פון מיין געמיט

איך זאָל דערזען צוריק דאָס ליכט,
דאָס גרויסע ליכט
וואָס שטראַלט אַראָפּ, און דאַרף
אַראָפּשטראַלן פון יעדן מענטשלעכן געזיכט.

און איידער צו דעם אָוונט,
כ׳טו זיך אַ פאַרנויג,
נעם אַראָפּ דעם שוואַרצן
שלייער פון מיין אויג,

אַז כ׳זאָל דערזען
מער פריילעכקייט, מער שיין,
ווי ס׳דאַרף צו זיין,
ווי ס׳וואָלט געדאַרפט געניטיק זיין.

אַ העזעלע

דאָס בלאַט איז גרין
און וויגט זיך אום אין ווינט
אַרויף־אַראָפּ, אַראָפּ־אַרויף,
און בויערט ווי אַ שרויף
די לופט.

אַ פויגל רופט
און וויגט זיך אויף אַ צווייג.
דער דרויסן שווייגט
(אַ בלייערנער און בלויער פורעם),
ווי ערב שטורעם.

דער סאָד איז פול מיט סודעניש געדיכט,
מיט שושקעניש, גערייד.
צעגייט אַ צווייג פון צווייג זיך אינדערברייט,
ווי אויפגעבונדן.
פאַלט אַריין אַ שטראַל פון ליכט
און ווערט צוריק פאַרשוווּנדן.

עס לויפט אַ העזעלע דעם וועג אַדורך
אַ שמעק, דערשרעק,
מאַכט אַ קניקס
און לויפט אַוועק
אין פאַרפלאָנטערטן געוויקס.
נישטאָ קיין העזעלע, נישטאָ.
נאָר בוים, נאָר סאָד,
וואָס גרינט
אין ווינט.

אַ ווערעמל

עס אָטעמט דער באָדן מיט ברייטע צעאַקערטע לאַנען,
אַ ווערעמל קריכט אויף אַ גראָז
איינזאַם און שטיל.
ווּ קריכט עס, פון וואַנען?
צו וואָס?
גיי וויס, וואָס אַ ווערעמל וויל?
און אפשר פאַרמאָגט דאָך זיין קריכן אַ ציל
אין די גרודעס פאַרדריקט
און אַליין,
ווי אויף זאַמדיקע וועלן.
נאָר אָט פאַלט אַ פויגל אַראָפּ ווי אַ שטיין
גיט דעם וואָרעם אַ פּיק
און ווערט נעלם.

די ערד אָטעמט טיף מיט די בייטן, ליגט אָפן,
ווי גאָרנישט וואָלט איצטער געטראָפן.
נאָר טרויעריק גיט זיך אַ קלער:
בין איך פון אַ ווערעמל מער?

דער טויט פון אַ שמעטערלינג

מיט ליכט איז דער דרויסן באַגאָסן,
מיט ליכט און מיט ראָזעווע פאַרבן, —
אַ שמעטערלינג האַלט איצט ביים שטאַרבן.

די פליגעלעך שטייף און פאַרלאָשן,
דאָס גופל — אַ צוק און אַ פיבער
און בייגט אויפן בלימל זיך איבער.

עס לעשט דער פאַרנאַכט זיך אַ שטילער.
עס לעשן זיך פליגעלעך דינע,
ווי זייד־פּאָוועטינע.

דער שמעטערלינג הענגט שוין אַ קילער,
עס וויגט זיך דאָס בלימל, דערהויבט אים,
דער ווינט כאַפּט אים אונטער, צעשטויבט אים.

די מילב

אויפֿן בעטל ליגט ער, אַ פּאַרמאַטערטער פּאָעט,
אין זיך פֿאַרזונקען.
ער האָט מיט ווערטער צו דער זעט
זיך אָנגעטרונקען.

ער האָט געזוכט, געמישט אין בערג פֿון ספֿרים,
צונויפֿגעזאַמלטע פֿון אַלע ערטער,
און נאָר געטראָפֿן דאָרטן קבֿרים, קבֿרים,
וואָס באַהאַלטן ווערטער.

נאָר אָט אַ מילב אַ לעבעדיקע — נישט קיין טויטער חלום,
פּלאָנטערט זיך אין ווערטער אים דערנעבן.
— האָט ער פֿריידיק אויפֿגענומען זי מיט „**שלום!**"
פֿאַרן צייכן, אַז ס'איז דאָ נאָך לעבן.

שוועלבעלעך

שוועלבעלעך קלאַפּן פֿאַרטאָג אין זײַן פֿענצטער.
שוועלבעלעך וועקן אים אויף צו דער מי.
ער שטייט בײַ דער שויב דער געבענטשטער,
מיט בענקשאַפֿט קוקט נאָך זייער ליכטיקן פֿלי.

אים ציט צו דעם באָדן דעם שוואַרצן און פֿעטן,
וואָס אַקער צעשניידט אין דער לענג און דער ברייט.
די פֿייגעלעך שטײַגן אין פֿלאַטער־געקלעטער
אַרויף צו דער הויך מיט אַ פֿרייד.

מיט בענקשאַפֿט ער זעט זייער לײַכטן געפֿלאַטער
אין ליכטיקן בלוי,
און ער בײַ זײַן פֿעלד, ער שטייט דאָ פֿאַרמאַטערט
אַ פּײַכטער פֿון טוי;

זיי דרייען זיך אום און זיי זוכן דאָ קערנער
צעשאָטן אַרום,
ער איז פֿאַרפֿלאָנטערט אין גראָז, ווי אין דערנער —
וואָס רינגלען אים אום.

עס האָט אַ זין

עס האָט אַ זין,
די בין,
דאָס גראָז וואָס גרינט,
דער ווינט,
דאָס זעגן
פון די גרילן. —
קינד,
נעם צונויף אָט דעם פאַרמעגן,
לאָז אָוועק זיך שפּילן.

אַ שלאַנג

אין זיך אַריינגעטאָן, אין זיך פֿאַרשלאָסן,
איך קוק זיי אָן, די מידע הענט.
אין האַרצן ליגן די פֿאַרדראָסן,
ווי שוואַרצע שאָטנס אויף די ווענט.

ס׳איז נאַכט. ס׳איז נאַכט, דער זייגער טיקעט,
ער גייט זיין מאָנאָטאָנעם גאַנג,
און הינטער פענצטער כ׳הער עס סיקעט
דאָס בייזע זידן פון אַ שלאַנג.

אַ פינטל זילבער קוקט פון אויבן,
ווי אָן אויג אַראָפּ און בענטשט.
גאָט, ווו נעמט מען עטוואָס גלויבן,
אַז עפּעס גוטס איז דאָ אין מענטש.

נישט שרעק זיך

מיין האַרץ, נישט שרעק זיך פאַרן טויט
און אַלץ אויף ס׳ניי באַנעם, —
דעם ייִנגלס צאַרטע שפּילן אויף דער פליִט,
דעם טיפן צער פון פויגל אין זיין קלעם.

דו זיי נאָר בלויז געהער און אויג
און זאַפּ אַלץ איין, —
פון ריטעלע אין ווינט דעם צאַרטן בויג,
פון זון — די פייערדיקע שיין.

באַנעם, פאַרשטיי און בינד צונויף
דעם וואָס מיט דעם פאַרוואָס,
דו פריי זיך מיט דיין גאָרטן, ווו ס׳בליט אויף
דאָס יונגע גראָז.

זאַפּ איין אין זיך דעם צער, די פרייד,
דאָס טרויער־קול און דעם נצחון־שאַל.
געפינען אויך שיינקייט אין דעם טויט
און אין צעפאַל.

אַן אָנשפּאַר זאָל עס זיין פאַר אַלע יאָר,
וואָס פאלן אָפּ, ווי בלעטער פון דיין לעבן,
און ווי אין קוואַליק וואַסער לויטער, קלאָר,
עס זאָל דיין אָפּשפּיגלונג צוריק דיר געבן.

ווינט

האָב איך געזאָגט צום ווינט,
וואָס גיט זיך אַ שפּיל און מאַכט פּליטה:
— זיי נישט קיין שוטה,
לאָז מיך צוריק, ווי אַמאָל, זיין אַ קינד
און דו — מיין געטרייער באַגלייטער.

הודזשעט דער ווינט מיר האַסטיק פאַרביי,
האַסטיק און קאַלט:
— איך בין פון אַלעמאָל שטורעמדיק ניי,
און דו ווערסט פון טאָג צו טאָג אַלט,
פון טאָג צו טאָג מערער צעקנייטשט. —

אַ יאָג,
און אַריין אין נאָענטן פעלד ווייץ.

אַ טאָג אַזאַ כמורנער

אַ טאָג אַזאַ כמורנער, אַ גרויער,
די וואָלקנס, ווי פּלאַכטעס, אַריבער די פעלדער;
די וואָלקנס, מיט ערד אויפגעגאָסן,
אַז אַט־אַט און אָטעם פאַרפעלט דיר.
דו שטייסט און דו שטוינסט,
ווי עס וויגן זיך ביימער און צווייג איינגעפּלאָנטערט,
און עפּעס ווערט נאָענט אַזוי דער אַרום,
ער ווערט דיר אַלץ נאָנטער און נאָנטער.
עס דרייט זיך אַ פויגל אַרום אין דער לופטן,
ער דרייט זיך און ווערט ווי פאַרלוירן.
אַ לויף גיט אַדורך אַ שאַקאַל און פאַרשווינדט
אין דעם פעלד מיט דעם קאָרן.
מיליאָנען, מיליאָנען פון רעגענדלעך טראָפּנס,
זיי ציטערן גאָלדיק אויף גרעזעלעך־זאַנגען,
וואָס זענען ווי לויטערע תּפילות
פון דר׳ערד אויפגעגאַנגען.
דאָס ווינטעלע טרייסלט דאָס פעלד,
און ס׳פאַלן די דינינקע טראָפּנס,
ווי זילבערנע טרערלעך
דעם טאָג, אָט דעם כמורנעם צוקאָפּנס.

אַ טאָג אַזאַ כמורנער, אַ גרויער,
אָן ליכט און אָן שיין,
און עפּעס דיר דוכט זיך:
אַז קיינמאָל שוין וועט דאָ נישט טאָגן . .
נאָר אָט איז מיין קליינינקער זון —
זאָל ער מיר געזונט זיין —
אַ פריידיקער נאָענט פאַרביי מיר,
ווי אַ ווינט דורכן פעלד זיך געטראָגן.

ער לויפט, און די באָרוועסע פיסלעך פּאַטשן אַוועק אין די גראָזן,
ער לויפט, און זיין לויפן
האָט אַ פרייד מיר אין האַרצן געלאָזן,
ווי ס׳וואָלט זיך די זון דאָ צעלויכטן
אויף פעלד, וואָס געראָטן;
ווי ס׳וואָלט זיך אַ גאָלדענער סנאָפּ
מיט ליכט דאָ צעשאָטן
איבערן פעלד וואָס גייט אויף,
איבער די ביימער ביי וועגן, —
ס׳איז ליכטיק געוואָרן
און פריילעך דער דינינקער רעגן.

אַ טאָג אַזאַ כמורנער מיט רעגן,
מיט ווינט און מיט שטורעם.
די וועלט ליגט אין טונקל פאַרפרעסט,
פאַרדריקט ווי אין פורעם.
די קרוינען די הויכע פון ציפּרעסן
וויגן זיך אומרויק, וויגן,
און ס׳האָט זייער אומרו פאַרפלאָנטערט זיך
היינט אין מיין ניגון.

פון אַ בריוו

...ווייל מיין געצעלט
שטייט אין מיטן אַ פעלד,
בין איך חבר מיט בוים און מיט גראָזן;
מיט פעלדער, מיט תבואה,
מיט ווינטלעך, וואָס בלאָזן,
און שטורעמס, וואָס וואָיען.
כ׳האָב ליב זיי, די שטאַמען, די פעסטע
אין דר׳ערד איינגעוואַקסן.
מיין חבר דער בעסטער, —
די רעגנס און שלאַקסן;
די וואָלקנס די פולע,
וואָס הענגען ווי לאָגלען
און ציען מיין פעלד זיך
אַדורך בעתן וואָגלען.

און ווייל מיין געצעלט
שטייט אין מיטן אַ פעלד,
ביי אַ סטעזשקע אַ שמאָלער,
מיט גראָזן, ווי צויטן, —
איז מיין איינציקער פריינט
דער ווייסינקער קראָליק
מיט אייגעלעך רויטע,
וואָס קומט צו מיין בריקל אַהער
אין אָוונטיק גרוי
און גריזשעט אַ מייער
מיט בלעטער פון קרויט,
אַ שטיקעלע סקאָרינקע ברויט
מיט פוטער, —
איך, זיין איינציקער פריינד,
פאַרגרייט אים די סעודה.

און ווייל מיין געצעלט
שטייט אין מיטן אַ פעלד, —
רייד איך גאָר אָפּט צו אַ שטיק,
צו אַ בוים, צו זיך אײנער אַליין.
צו מיין קאַץ דער ראבער,
צו אַ גרינער זשאַבע,
וואָס קוואַקעט לעם מיר דאָ אין גראָז,
צו מיין גרויסן הונט, וואָס מיינט,
אַז איך בין זיין באַלעבאָס.

נאָר אָפּט מיינע רייד
פאַרטרוי איך דעם ווייסן פּאַפּיר,
ווי היינט —
און שיק עס אַריבער צו דיר,
מיין פריינד.

נאָכן רעגן

די ערד — אַ טעפּיך ליגט — אַן אויסגעצוואָגענע, אַ גרינע.
דער הימל פליִיצט־אַראָפּ מיט פאַרבן בלויע.
פון וואַנען אַזאַ קלאָרע, ליכטיקע נגינה,
פון וועלכן פלויער?

אַ יעדעס פייגעלע — אַ זינגער אין די כאָרן,
אַ יעדעס בלעטעלע — טראָגט־צו אויך זיינע טענער;
עס גייט די וועלט איצט העלער אויף און קלאָרער.
שענער.

די ווייסע שטיבעלעך מיט רויטע דעכער,
מיט פייכטקייט האָבן זיי צו זאַט זיך אָנגעזויגן,
און איבער אונדזער דערפל הויך און העכער —
דער רעגנבויגן;

ער שפילט מיט אַלע זיינע זיבן פאַרבן
און שטראַלן ציען זיך, ווי הערנער.
עס שמעקט אין דאָרף מיט פייכטקייט, נאַסע גאַרבן
און מיט קערנער.

די קינדער דאָ, ווי פייגעלעך, ווי לוסטיקע, —
זיי פלאַטערן אַרום דאָ נאָכן רעגן,
דער געלעכטער זייערער אַ הילכיקער, אַ ברוסטיקער
פאַרקלינגט די גאַנצע געגנט.

מען דאַרף נאָר וועלן

ניין,
זאָג נישט, אַז וועסט נישט דערגיין
צו די קוואַליקע קוועלן.
מען דאַרף נאָר וועלן!

זאָג נישט, אַז וועסט נישט דערגרייכן
צו די הייכן.
שטעל נישט קיין פראַגן
קיין קרומע.
מען דאַרף נאָר וואַגן,
זיין מעסערדיק שאַרף;
וועסטו שוין קומען
אַ ווו מען באַדאַרף.

נאַכט

ווי אַ האַק, דער אָוונט גיט אַ פּאַל שאַרף.
ס׳איז אַ שעה איצטער פון שווייגן,
שווייגעניש געהיימע.
ווי סטרונעס פון אַ האַרף
ציטערן די צווייגן
פון דיביימער.

לבנה הענגט אַ קלאָרע.
די נאַכט
שפיגלט זיך אין נאָנטן קוואַל.
אין זיין נאָרע
אויפגעוואַכט
האָט דער שאַקאַל
פון דרימל,
זיך צעיאָמערט ביטער
ביי די פרעמדע שוועלן.
הויך אין הימל
זילבער־שטערן הענגען שיטער,
עלנט.

ערגעץ־ווו
אַ שייבל פלעמלט.
טיף פאַרזונקען אין זיין רו
מיין דערפל דרעמלט
מיט אַלע זיינע צריפימלעך און שטיבער —
אַ וואָלקן ווי אַ רעמל
דעקט עס צו
און שווימט אַריבער...

פרײ־זומער

א

דער טאָג איז הײַנט מיט זיך צופֿרידן, ווי אַ יונגינק הינטל.
דאָס מילדע ווינטל
שפּילט זיך הײַנט מיט מײַנע האָר,
גלעט מײַן מידע האַנט.
עס שפּאַנען
די שענסטע טעג, ווי קאַראַוואַנען,
אין מײַן לאַנד.

דאָס דאָרף איז הײַנט מיט זון פֿאַרשפּינט
אין טאָג, אין קלאָרן.
דער ווינט
לויפֿט־אום אַ קילער און צופֿרידן:
אַזויפֿיל ייִדן, אָן עין־הרע.

אין דעם אַרומיקן צעגליטן גרין
זינגען פֿייגל מאָנאָטאָניק.
עס זשומט אַ בין
און זויגט פֿון בלומען־בעכערלעך דעם האָניק.
עס פֿליען שמעטערלינגען רייד אין אַלע פֿאַרבן
און ווערן אינעם בלויען חלל ווי פֿאַרלוירן.
אפֿילו אָט דער ייִד — דער אַלטער שאַרבן —
איז הײַנט ווי נײַ געבוירן.

ב

דער טאָג איז היינט שיין ווי אַ מעשה,
ער האָט זיך צעעפֿנט — אַ בלום.
פֿלאַטערלעך ווייסע
פֿלאַטערן אום.
דער פֿלוימען־בוים בליט
מיט ראָזלעכן צוויט,
און מיט זיינע צווייגן גרינע,
ווי מיט פֿינגער דינע —
זיך צום הימל ציט.

דער טאָג איז היינט שיין ווי אַ מעשה.
פֿייגל־געצוויטשער אויף דעכער,
פֿייגלען זיך דרייען — אין קרייזן
און הייבן זיך העכער און העכער.

עס וואַרעמט קיל די גוטע זון,
די ערד איז אויסגעטריקנט נאָכן רעגן.
דער הימל — בלוילעך ווי טשוהון
און יום־טוב ליכט — צעלייגט אויף אַלע וועגן.

דער טאָג איז היינט שיין ווי אַ מעשה,
די שטיבעלעך ווייסע,
ליכטיק געהיימע
קוקן אַרויס דורך די ציפּרעסן־ביימער.

ג

עס פלאַטערן טויבן אַ סך
אַריבער מיין רויטן, מיין קאַכלענעם דאַך

טייבעלעך גוטינקע, טייבעלעך ווייסע!
דער טאָג איז היינט שיין, ווי אַ מעשה —
מיט ריחות פון בליט
און פון צוויט,
און מיט דופט פון מאַראַנצן.
אין קינדער־גאָרטן, קינדער טאַנצן,
און ס׳הייבן זיך דיגינקע אַקסלען.
אין גרינסגאָרטן וואַקסן —
אַ רעטעך, אַ מייער, אַ בייט פּעטרושיליע,
און ס׳איז גוט זיי דער גלעט פון דער זון,
און ווינטעלעך פרילינגדיק קילע
נעמען אַרום זיי מיט פרייד —
וואַקסט מען אין בייט
אין דער לענג, אין דער ברייט
פּאַוואָליע און שטילינק — —
ס׳איז פרילינג אין לאַנד ביי אונדז, פרילינג.

ד

אָונט. אַ טשערעדע פּי
פּיטערט זיך דאָ אויפֿן פּעלד.
מען גייט פֿון דער מי, —
דער גערשט איז געבערדלט און געל.

מען רעדט פֿונעם שניט.
די זאַנגען — שוין צייטיק און גרייט.
און הינטער די ווערטער צעגליט
פֿלאַטערט אַ פֿרייד.

אַ פֿרייד
אין דער זעל, —
פֿאַר אייגענעם ברויט,
פֿאַר אייגענעם מעל.

און קינדערלעך וואַרטן ביי שוועל
מיט באָרוועסע פֿיס
אויף טאַטעס און מאַמעס, וואָס קומען פֿון פֿעלד
און פֿון מי.

אַ קינד ביי אַ שוועל, אַ קינד ביי אַ שוועל,
און ערגעץ־ווו וואַרט אויך אַ צווילינג.
עס פֿלאַטערט אין דאָרף און אין פֿעלד
די וואַרעמע קילקייט פֿון פֿרילינג.

יאַנואַר

יאַנואַר. דער דרויסן איז גרין.
דו ביסט אין דיין מוטערשאַפט שיין,
ווי אַ ליכטיקער פרישער באַגין
וואָס קומט מיט אַ פרעסטל צוגיין.

דער הימל איז טיף און איז ברייט.
איך קוש דיינע טראָפּעלעך טוי,
וואָס קייקלען זיך שטילנקערהייט
אַראָפּ פון דיין אויג.

דער טאָג איז פול היינט מיט ליכט,
מיט וואַרעמען ליכט וואָס עס גלעט:
און איז פריש, ווי דיין געזיכט
אין האַרץ פון פּאָעט.

יאַנואַר. קאַלטע ווינטן גלעטן מיין הויז,
באַטאַפּן די ווענט און מיין דאַך;
און דו ביסט אַזוי ווי אַ רויז,
וואָס וואַקסט לעם אַ בוימעלע סכך —

די גרינקייט שלאָגט אָפּ אויף איר ראָז,
באַקומט זיך אַ שיינער געמיש,
וואָס פאַלט אויף די יונגינקע גראָז,
וועלכע לעקן דיינע באָרוויסע פיס...

ס׳איז קיל נאָך דער ווינטל און קאַלט,
כאָטש מיט ליבשאַפט גלעט ער די רויז.
אָ, דו ביסט אַזוי ווי אַ וואַלד,
וואָס רוען זיך גלוסט אין זיין שויס.

יאַנואַר. דער דרויסן איז גרין.
דו ביסט אין דיין מוטערשאַפט שיין,
ווי אַ ליכטיקער פרישער באַגין,
וועלכער קומט מיט אַ פרעסטל צוגיין.

פעברואַר

פעברואַר. דער איילבירטבוים איז גרין
און אָנגעזאַפּט מיט זון, אַ לופטיקער, אַ גרינגער.
דער מילגרוים שלאָפט און זיינע צוויגן דין
צאַפּלען זיך אין ווינט,
ווי דורכזיכטיקע פינגער.

דער יונגער עפּלבוים וואַקסט שלאַנק און פריי,
פון צוויגן — ברוינע בליטן שפּריצן;
דערווײַלע וואַקסן בלעטלעך דריי
אויף זיינע העכסטע שפּיצן,
זיי פלאַטערן ווי קליינע פאָנען
אויפן צווייג
און מאָנען:
בלי, שטייג!

דער פייגנבוים שטייט נאַקעט, הויל,
קיין סימן נישט פון בלאַט, פון בליטן, —
נאָר ס'איז זיין קרוין אַ פלאַנטערדיקער קנויל
פון דינע צווייגעלעך און ריטלעך.
די צווייגן־אָרעמס נאַקעטע, וואָס ציען זיך פון שטאַם,
צינדן זיך אין אָוונטיקן פלאַם.

ס'איז פעברואַר, ווי אַ צדיקל שטייט פרום
דער סאָסנעבוים אַ זייטיקער ביים גדר,
אַ ביסל איינגעבויגן, אַ ביסל קרום,
ווי איינגעהאָרכט זיך צו די וועגן,
ווי געווען וואָלט ער, דער שומר פון די סעדער
דאָ אין געגנט.

מאַי

מאַי. טעפּיכער פון גראָז צעשפּרייט;
די ערד אָטעמט אונטער אָט דעם גרינעם קלייד.
אַ וואָלקנדל, אַ ווייסער רויך,
שוועבט אין בלויען הימל, הויך.

אַ קינד
זיצט אויפן גראָז,
לאָזט זייפנבלאָזן אויפן ווינט
און קוקט מיט בענקשאַפט נאָך אַ בלאָז,
וואָס אין דער לופט צערינט.

אַ טשאַטע פייגל פליט אַדורך — אַ שנירל קרעלן.
עס זעצט די זון זיך ביי די שוועלן.
דאָס גראָז ווערט קילער, קעלטער.

די טאַטעס גייען פון די פעלדער
מיט מידע שולטערן און האַרטע הענט,
די פנימער פון שטויב פאַרגרויטע;
עס שמייכלען איצט צו זיי די ווייסע ווענט
און די דעכעלעך די רויטע.

לבנה הענגט — אַ בלום אַ זילבערדיק־צעגליטע.
עס צינדן אָן זיך שייבעלעך, אַ צווייטס, אַ דריטס.
וואַסער־קראַנען רוישן, טירן קלאַפּן.
עס גייט אַרום שוין מיט דער ביקס דער וועכטער.
עס טראָגט זיך איבער דאָרף אַ קינדערשער געפּלאַפּל
און אַ מיידלשער געלעכטער...

אַ שטערן גלאַנצט און גלימערט אויבן,
און ווידער
לעשן זיך אין דאָרף די שויבן,
ווייל די מידקייט וואַרפט אַנידער
דעם קאָפּ צום קישן
און שמידט אים מיטן שלאָף דעם זיסן——

תמוז

א.

תמוז.
אַ גאַנצן טאָג מיט פייער האָט געשאָטן,
אין אָוונט ווערט אַ ביסל לינדער.
עס קומען יונגע מאַמעס
אין בין־השמשותדיקן שאָטן
שפּאַצירן מיט די קינדער.

די היץ — אַ ביסל אָפּגעלאָזן.
די זון — אַוועק, דער שאָטן האָט גענידערט,
די טאַטעס ליגן אויף די טעפּיכער פון גראָזן
און קילן אָפּ די אויסגעשוויסטע גלידער.

די לבנה קריכט אַרום — אַ דינער פּאַסיק העל.
חברים אויפן גראָז דאָ שמועסן און קלערן,
אַזוי פּאַרציט אַ שמועס זיך פון פעלד,
פון גאָרטן און פון כרם.
הערט זיך אין דער פינצטערניש אַ יונגע שטימע
אין העברעיש:
— אַזאַ מין חמימה,
ס'האָט מיך געמאַכט נערוועיש;
ממש אָנגעצונדן
און פאַרדעקט מיט שטויבן,
דער טראַקטאָר האָט געהיצט פון אונטן,
די זון — פון אויבן;
און כאָטש — אין בלענדיק ליכט — די אויגן
האַלב פאַרמאַכט, ווי שפּעלטעלעך, שפּאַרונעס,
דאָך האָבן זיך די פעלדבייטן געצויגן —
גלייכע סטרונעס.

ב.

עס ציגדן זיך שוין לאָמפּן אין די שויבן.
עס ליגט די נאַכט אַ שוואַרצע אויף די גראָזן —
און שמואליק פון דעם ווייגאָרטן דערציילט, פון זיינע טרויבן;
זיי ווערן פיל און אָנגעגאָסן
פון טאָג צו טאָג;
אַ יעדעס הענגל איז שוין פול און שווערלעך,
מען דאַרף שוין צוגרייטן די שערלעך...

אַ ווינטל גיט אַ יאָג
זיך קיל
פון פרייען פליין.
אַ קינד אין קינדערגאָרטן גיט אַ וויין
און — ווייטער שטיל.
מען הייבט זיך אויף פון גראָז, און שווערע, ווי די שטיינער.
די פיס די באָרוועסע אין באָדן טרעטן;
אין שטוב מען וואַרפט אַריין דאָס בינטל מידע ביינער
אין ווייסן בעטל.

ס'איז שטיל, דער ברונען־מאָטאָר לאָזט זיך הערן.
די נאַכט דעקט אײַן דעם ישוב, מיט ניקלנע מיט גרויסע שטערן———

אב

אב.

אָ, לאָמיר זיך נישט נאַרן,
ס'הייבט אָן זיך ערשט די זוניקע פּאָטראַווע;
עס איז נאָך ווייט צום זומערדיקן סוף.
עס צייטיקן אין סאָד ביי מיר די עפּל און די באַרן,
און די זאַפטיקע גויאַווע.

נישטאָ פון סאָד קיין גרויסע גליקן.
מילא, וואָס די פייגעלעך צעפּיקן,
זאָל עס זיין זיי צו געזונט;
נאָר כ'קאָן נישט מוחל זיין דעם וואָרעם,
דעם גליטשיק־פייכטן קריכער,
וואָס ליגט אין עפּלפלייש, ווי אין אַ נאָרע,
פאַרגראָבן זיכער,
ווי אין אַ סאַמעטענעם בייטל,—
פון אויבן האָט דער עפּל נאָך זיין פּרעכטיק הייטל
און גיי און ווייס,
אַז אינעווייניק איז צעפרעסן שוין זיין פלייש...

ס'איז תמוז שוין אַוועק,
שוין האַלב אין אב, מסתמא,
און אפשר שפּעטער.
אַ ווינטל וויגט און לעקט
די ביימער־קרוינען און די שטאַמען,
די עפּל און די בלעטער.
די זון אין הימל, רויט איז אומגעהייער —
אַ פלאַמענדיקע ראָד
וואָס שפּייט אַראָפּ מיט פייער.

כ׳האָב ליב אין סאָד
צו ליגן,
מיד און שווער,
און הערן ווי עס טוט דער ווינט די קרוינען וויגן
אַהין — אַהער,
און זען ווי עס לויפט אַדורך אַ יאַשטשעריק אַ שטיפער
אויף אַ בוים אַ קלעטער;
ווי ס׳גראָבט אַ שילדקראָט איין זיך טיף און טיפער
אין אַ בערגל ברוינע בלעטער.
טיילמאָל כ׳ווער אין שרעק
פאַרגליווערט און אין שוויגן
דערזעענדיק, ווי דורך אַ קופּע צווייגן
אַ שלאַנג זיך טוט אַ שאַר אַוועק...

איך ליג אין סאָד און טו זיך קוויקן:
ווי שיין דער עפּל איז, זיין קערנדל ווי פול מיט שכל...
מילא, די פייגל זייער חלק פּיקן, —
זע איך, ווייס איך,
אים אָבער, דעם וואָרעם, קען איך נישט זיין מוחל —
ער פרעסט דעם תוך פון עפּעלע בסתר.

חשוון

סוף חשוון.
בלעטער ברוין ווי זשאַווער.
לעב מיט חשבון,
חבר!

אָפּגעזומערט האָט דער זומער,
איז פֿאַרגאַנגען,
נאָר אין גערטעלע די בלומען —
אַ בוקעט פֿון פֿאַרביקע געזאַנגען.
מיין פלוימענבוים האָט אַלע בלעטער אָפּגעשאָטן,
פֿון גפן איז געבליבן נאָר אַ ריטל דין;
צעוואָקסן שטייט דער פּיקסבוים, געראָטן,
און דער מאַראַנצנסאָד איז טונקל־גרין.
ס׳פּלאָמט די זון בייטאָג נאָך אויף די וועגן,
כאָטש די פעלדער, שוין פֿאַרגרייטע
און פֿאַרזייטע,
וואַרטן אויפן רעגן.

די נעכט דאָ זענען קילע,
ווי לויטערע קוואַלן,
ווי שטראָמעלעך גלאַטע.
דו טו זיך פֿאַרשפּיליען,
פֿאַרוויקלען אין שאַלן —
קאָנסט כאַפּן אַ קאַטער...

פאַר חשוון דעם חודש פון רעגן און ראָסע —
זע, היט זיך, ר׳ קרוב!
זיין שטימונג זיך בייט אַלע ווײַלע;
ווי שטייט דאָרט אין פסוק:
ביום אכלני חרב
וקרה בלילה...

סוף חשוון.
בלעטער ברוין ווי זשאַווער.
לעב מיט חשבון,
חבר!

כסלו

עס בלינצלט פון ווייטן אַ יידישער ישוב,
עס לייכט זיך אַ הילצערנע כאַטע.
אַ דינינקער רעגנדל וויקלט מיך איין,
ווי אין וואַטע.

ס'איז גוט איצט צו שפּאַנען אויף טונקעלע וועגן,
עס שמייסן דיביימער מיט ריטער.
עס פּאַטשט אין געזיכט אים דער רעגן
מיט שטראָמעלעך דינע, דעם היטער.

דער הימל איז כמורנע פון אויבן,
און בלאָטיק די ערד ליגט פון אונטן.
עס לייכטן אין דאָרף נאָך די שויבן,
ווי רויע, ווי אָפענע ווונדן.

עס רעגנט.
דער זאַמדיקער באָדן איז שטייף,
און בייסיק דער ווינט,
עס לויפט דורך אַ באַן אין דעם געגנט,
אַ פּייף —
און פאַרשווינדט,
עס שאַלט נאָך זיין קול
אין דער נאַכט, ווי אַ ביטער געוויין,
וואָס האַלט זיך אין איילן און איילן;
עס ציטערן רעלסן פון שטאָל
אַריבער דעם פליין
אויף ווייטע, אויף טונקעלע מיילן.

אַ ווינטל קומט אָן פון די ווייטע אָן־סופן,
אַ טרייסל די צווייגן, די גרינע
וואָס טריפן מיט טראָפּנס...
אַוועק דער בעל־דבר איז שלאָפן
מיט אַ וואָלקן אַ דינעם צוקאָפּנס. — — —

און ווידער איז שטיל. דורך וואָלקלנדלעך שיטער
שווימט לבנה אַדורך , ווי אַ זילבערן שיפל
דורך זייטיקע וועגן;
מען הערט קוים די טריט נאָר פון היטער,
וואָס שפּאַנט מיט די גומענע שטיוול
אין געגנט.

דער רעגן אַ דינער, אַ שפּרייער,
פּאַלט אַזא לייכטער.
דער שפּעטיקער גייער
אויף סטעזשקעלעך פייכטע
זאַפּט עס אַריין אין געמיט
און שפּינט אויס אַ ליד.

פייגל...

אָפּגעמעקט סיי צייט, סיי מאָס,
קיינער איז אין זאַל נישטאָ;
איך אַליין נאָר האָב מיין כוס
אויסגעטרונקען ביזן דנאָ;

און אַזוי מיט אויגן שיכור
האָב איך זיי דערלאַנגט אַ מעסט,
אָט די רויבפויגלען וואָס פּיקן
אונדזער שטרוי אַרויס פון נעסט.

גייען זוכן ווו אַ „דאָרטן״,
פרעמדע צווייגן, פרעמדע בלאַט, —
וויל פין זייער אייגן גאָרטן
קיינמאָל ווערן זיי נישט זאַט.

נאָר זיי פלאַטערן און קוקן
איבער גרענעץ, איבער שטאָט,
און זיי קניען און זיי בוקן
זיך צום שטן, אַנשטאָט גאָט.

יאָ איך קאָן זיי אויסגעבונדן
אָט די פייגל אָן אַ היים,
וואָס זיי צופּן זיך די וווּנדן
מיט די שנאָבלען אין געהיים.

און דעריבער אין באַגינען
ליידיק שטייט דער שיינער זאַל.
איך גיי־צו צו די גאָרדינען,
רייס אַראָפּ און גיב אַ פראַל.

ס׳טאָגט. אין דרויסן ווערט אַלץ העלער,
מזרח גליט. — אַ ווייסער פלעק —
דער לבנה׳ס בלאַסער טעלער
טיף אין הימל ווערט פאַרמעקט.

אויך אין זאַל ווערט ליכטיק, ליכטיק,
אַזאַ בלענדנדיקע שיין, —
און איך ווער אויסגעניכטערט
פון מיין שיכרות און מיין פיין...

* *
*

פאַרוויג מיך ווינט דו, פאַרוויג!
איך דאַרף דאָך נישט האָבן קיין סך:
אַ ביסעלע וואַסער אין קרוג,
אַ בעטל פון שטריק,
פיר ווענט און אַ דאַך
און... גענוג

אַ דאַנק פאַר דעם וואָס באַשערט,
גענוג מיר דאָס שטיקעלע ערד,
וואָס אונטער די טריט.
פאַרהיט מיך ווינט דו, פאַרהיט!
וויש אָפּ דעם צער פון געמיט,
גיב קלאָרקייט אין ליד.

פון די בערג

פון די בערג

פון די בערג וואָס ציען לענגאויס זיך דער גרענעץ אַוועק,
אָטעמט מיט גבורה און שרעק.
יעדע נאַכט אויף די באַרגיקע האָרבן
פאַלט דאָרט אַ קרבן.
איידער די נאַכט נאָך פאַרגייט
באַפאַרבן זיך פעלדזן מיט רויט;
אַמאָל איז עס בלוט פון אַראַבער, אַמאָל פון אַ ייד,
אָבער וואָס איז דער אונטערשיד?
אַלעמענס בלוט וויל דאָך לעבן, איז וואַרעם און הייס,
דער זעלביקער פיינלעכער וויטיק אין מענטשלעכן פלייש.
איז וואָס געדרונגען דערפון? —
אַ יעטוועדער קרעכץ ווערגט
סיי אונדזערע מאַמעס, סיי די מאַמעס פון הינטער די בערג.

נעכט נאָך נעכט.
טיף איז דער שפּיז פון שנאה פאַרקראָכן.
ווי לאַנג וועט זיך ציען דער בלוטיקער שטילער געפעכט
פון שכן צו שכן
אויף בערג און אין טאָלן?
אָ, יעטוועדער וואַרט אויפן אייגענעם גרויסן נצחון
און צווייטנס מפלה.

אָ יעטוועדער וואָרט... דערוויילע אַ יעדער מעת־לעת

ברענגט אַ מת,

און יעדער פרימאָרגן —

אַ הרוג.

און איך דורך די פיינלעכע נעכט

אין צעווייטיקטקייט, חלום

פון הענט, וואָס ציען זיך איבער די בערג

און דערלאַנגען זיך שלום!

1953

„מבצע סיני"

א

מיין זון — יגאל'ן

אַלץ
איז גרייט, —
די זאַלץ,
דאָס ברויט,
די רויטע פלאַש מיט ווייַן,
דער טישטוך אויפן טיש;
דער לאָמפּ גיט אויכעט צו זיין מילדע שייַן,
נאָר דו ביסט נישט אַריין, —
איך וואַרט...

עס בענקט מיין האַרץ
און קלעמט, דאָס ברויט געוואָרן איז פאַרדאַרט,
די זאַלץ — שוואַרץ,
דאָס טישטוך, — טונקל און פאַרשעמט;
דער לאָמפּ — פאַרלאָשן,
און דער וויין
האָט אַזוי מוטנע־קלעפּיק זיך אין כוס געגאָסן —
און דו ביסט נישט אַריין.

נאָר ווען מיין קאָפּ געוואָרן שיכור איז און שווער,
האָט פלוצים מיר דערלאַנגט אַ ברי
אַ טרער,
ווייל כ'האָב דערהערט
די גיכע טריט
דיינע אויף מיין שוועל,
ווי עמעץ וואָלט דיך איילִיק דאָ אַריינגעטריבן, —
און צימער איז געוואָרן ליכטיק, העל,
און מיר נאָר איז די פינצטערניש געבליבן.

ב

איך האָב געזאָגט צום זון: — ביסט דאָ!
און פיבערדיק האָב איך באַטאַפּט אים,
געבענטשט דעם טאָג, געבענטשט די שעה,
וואָס האָט מיט שטורעם אָנגעזאַפּט אים

און צוריק געבראַכט אים גאַנץ
צו מאַמעס — ליבשאַפט, טאַטנס — ערנסט, —
נאָר אין די אויגן — נייער גלאַנץ,
און פריע קנייטשן אויפן שטערן.

אַט איז ער דאָ, מיין שטילע טויב,
נאָר ס'איז דער שפּאַרבער אויך אַ שאָד אים...
נאָך האָט דער ווינט נישט אָפּגעשטויבט
דעם מידבר־זאַמד פון זיינע בגדים.

זיין קוק איז אָנגעשטרענגט אין וויט,
ווי אויף אומזעבאַרע בריקן,
פון זיין שינעל צו מיר עס שרייט
דאָס בלוט, וואָס האָט נאָך נישט פאַרטריקנט.

און וועק איך פאָדער: דערצייל, דערוואַך!
זאָגט ער, ווי ער וואָלט זיך שעמען:
— מלחמה איז אַזאַ מין זאַך...
ניין, טאַטע, וועסט עס נישט באַנעמען.

ג

איך קוק אָן מיין זון אין אָוונטיק ליכט,
אַ טרויער פאַרציט זיין געזיכט:
— ווייס, טאַטע, אויף ווערן אַ גיבור,
אַ העלד,
דאַרף מען אויף גופים אויף טויטע אַריבער
אין פעלד...

די אויגן זיינע בליציקע גלאַנצן,
ווי שפיזן.
מיין זון איז קוים צוואנציק
און האָט שוין באַוויזן
נצחון צו יובלען,
אין פלאַם פון מלחמה זיך טובלען;
ווערן אַ קריגער,
אַרויסגייען אַ זיגער———

ד

זיי זענען פון דאָרט
געקומען צוריק,
מיט צמצום אין וואָרט,
מיט שאַרפקייט אין בליק;
מיט פאַרשטיקטן געשריי
קעגן מענטש, קעגן גאָט...

מידבר אין בלוט האָט ביי זיי זיך צעקלונגען,
צעגליט
און צעשייטערט, —
טייערע יונגען,
אין פייער געשמידט
און געלייטערט.

ה

דער יונגער טאַטע דאָ, וואָס שפּילט זיך מיט זיין קינד,
איז בלינד, —
ער איז פון די וואָס אונדז געבראַכט האָט דעם נצחון.
נאָר ווייסן, ווייסט עס נישט זיין יינגעלע, וואָס האָט די שוואַרצע ברילן
אים צעבראָכן

אין אַ שטיפערישער מינוט.
ז'ער טאַטע זעט נישט, ווי זיין זונעלע האָט בעתן שפּיל
אַ פינגערל צעשטאָכן אָן זיין בריל
און גייט אָפּ מיט בלוט.

די מאַמע וויינט.
דעם טאַטנס פּנים איז פאַרשטיינט...

1956

קיבוץ־גלויות

אין מײַן קיבוץ, אויפֿן גרינעם פֿעלד,
זיך שפּילן קינדערלעך פֿון גאָר דער וועלט,
אַנטלאָפֿענע פֿון גיהנומדיקע היימען,
פֿון איראַק, מצרים און תּימן.
קוק אָן דאָס זונעלע מיט אויגן שוואַרצע דאָ אַנטקעגן דיר:
דאָס איז דאָך נסים פֿון אַלזשיר,
און דער איז גאָר פֿון פּערסיע;
עס גייט אַרום דאָ וועגן אים אַ ווערסיע:
גרענעצן געגנבֿעט און צופֿוס געגאַן,
דאָס לאַנד האָט אים צו זיך געצויגן;
ער אַליין דערציילט: געפֿלויגן אין אַן עראָפּלאַן...
און פֿייער גליט אין זיינע ברוינע אויגן.

אין אונדזער קיבוץ פֿלאַטערן אַרום
קינדערלעך פֿון אומעטום:
קינדער פֿון רומעניע און פֿון פּוילן,
פֿון אַלע וועלט־ווינקלען זיי ברענגען אונדז אַ גרוס.
דו וועסט שוין אין אַ יאָר אַרום נישט אונטערשיידן,
ווער פֿון וואַנען שטאַמט?
און זייער לשון, דאָס העברעיש־רעדן —
ווי פֿון געבוירענע אין לאַנד.

אין אונדזער קיבוץ אויפֿן גרינעם פֿעלד
זיך שפּילן קינדערלעך פֿון גאָר דער וועלט,
זיי דרייען זיך אין קאַראַהאָד דעם רונדן,
און זייער לעבן טראָגט זיך פֿריי, צופֿרידן, —
די היים די אייגענע פֿאַרהיילט די ווונדן,
עס וואַקסן פֿרייע, יונגע, שטאָלצע יידן.

צוריק ווי אַמאָל

צוריק ווי אַמאָל, אין יענע אַמאָליקע טעג,
גלעט אויס דעם צער מיר, פון האַרצן —
עס שפּאַנט איצט אַ גייער אַזוי אויפן וועג
שלעפּט מיט זיך אַ קלומעק אַ שוואַרצן.

ווער איז ער דער גייער? זעסטו אים גוט?
דערקאָן אים,
און וויש אָפּ די טראָפּעלעך בלוט
פון זיין פּנים.

ברענג גיכער אים וואַסער, וואַש אָפּ זיינע פּיס,
זע, ווי ברודיק!
דערלאַנג אים אַ טרונק, פון דיין ברויטל אַ ביס, —
ער איז דאָך דיין ברודער.

געקומען פון ווייט, געקומען פון פרעמד,
געקומען פון דאָרטן;
דו טייל זיך מיט אים, מיט דיין ברויט, מיט דיין העמד,
מיט דיין גאָרטן.

ווייל דו האָסט אַ לאַנד, אַ גרויסן פאַרמעג,
און ער האָט נאָר קברים...
צוריק ווי אַמאָל, אין יענע אַמאָליקע טעג,
לאָמיר אַלע זיין אָרעם.

ויהי בוקר

פרקים פון אַ פּאָעמע

I

ויהי־ערב

א

די נאַכט פאַרשליסט די הייזער אויף אַ שלאָס,
די פינצטערניש — אין טיכער זיי פאַרוויקלט.
עס לייכטן נאָר די טעפּיכער מיט גראָז
ביי יעדער בריקל.

זיי גרינען אין דער פינצטערניש געדיכט,
באַשפּרינקלטע מיט גלי־ווערים פליען,
און אונטער הימל שיכט נאָך שיכט
וואָלקנס אָנגעפּוישטע ציען זיך און ציען.

זיי לאָזן נידעריק אַראָפּ זיך צו דער ערד,
נאָר באַלד אַ ווינט קומט־אָן זיי צו פאַרטרייבן.
אַ זילבערנע האַלברונדע קורצע שווערד, —
לבנה קוקט דורך אַ הימלדיקן שייבל.

זי זעט די הייזלעך מיט קאַפּליעס איינגעדעקט,
די ווענט פאַרוויקלטע אין שאָטן —
עס ליגט אַ ישוב, פלעק אויף פלעק,
ווי עמעץ וואָלט אין פעלד אַרויסגעשאָטן.

אויסגעשאָטן און פאַרגעסן מן־הסתם
עס אויפקלייבן, אוועקנעמען פון דאַנען.
ער ליגט דער ישוב צווישן מידבר און צווישן ים,
מיט שטיבעלעך ווי גרויע טשעמאָדאַנען.

ב

די שטיבעלעך אין זיך אַריינגעטאָן. מען שלאָפט דאָרט פרום,
נאָר וווּ־נישט־וווּ עס לייכט אַ שייבל.
אַ בוים גיט צו אַ בוים אַ וויג זיך קרום,
אַ וואָרקע גיט אין טויבנשלאַק אַ טייבל.

אַ הירזשע גיט אַ פערד אין נאָנטן שטאַל,
אַן אייזל יאָמערט אונטערוועגנס,
פליו־פליו, פליו־פליו זינגט־צו דער נאָנטער קוואַל
וואָס שניידט זיך — אַ שנירעלע אַ בלויער — דורכן געגנט.

מיט טריט, מיט באָרוועסע, לויפט אַ שאַקאַל און זוכט,
און שמעקט צום לול און צו די הינער,
אַ, גריילעך וואָלט ער עוף אַ שטיקעלע פאַרזוכט,
נאָר ס'לאָזן נישט די דרעטעלעך די דינער.

איז ליגט ער מיט אַ הונגעריקן פיסק
ביי הילצערנע, ביי הינערישע שוועלן,
ביז ס'קומט דער וועכטער מיטן ביקס
דאַן ווערט ער נעלם...

דער עולם שלאָפט פאַרטיפט איך רו,
פאַרוויגט פון ווינטעלעך פון פרישע.
דער וועכטער נאָר איז וואַך און גייט אַרום,
דער וועכטער נאָר לא ינום ולא ישן.

ג.

וואָס טוט אַ וועכטער, אַז די נאַכט איז לאַנג
און פינצטערניש געדיכט אַרום אים?
פאַרלאַנגזאַמט ער זיין שטילן גאַנג
און קוקט אין הימל, ווי די שטערן שווימען.

דער הימל — ווי אַ שולטאָוול אין וואַנט,
כאַטש נעם און שרייב אויף אים מיט קרייד אַ בריוול.
ווי נעמט מען, אָבער, אַזאַ לאַנג האַנט?
ווי נעמט מען, אָבער, אַזאַ לאַנגן גריפל?

דער וועכטער שפּאַנט, פאַרקריכט אין פעלד פון ווייץ,
וואָס וויגט זיך אום מיט זאַנגען רייפע,
און מיטאַמאָל עס גיט אים אַ פאַרפלייץ —
אַ פּראָזשעקטאָר, וואָס דערגרייכט אַהער פון חיפה.

פון חיפער פּאָרט, ער זוכט און נישטערט אין דער הויך,
און באַלד צוריק האָט זיך זיין ליכט פאַרלאָשן,
צעגאַנגען אין דער לופטן, ווי אַ רויך,
און פעלד ליגט ווידער שוואַרץ און איינגעשלאָסן...

דער וועכטער רינגלט אום דעם ישוב אין אַ קרייז,
אויף אים די ביקס — די ווינטן נאָר צום שרעקן.
און ווען דער מזרח הויבט אָן ווערן העל און ווייס
דערמאָנט ער זיך: די „פּראָלעטאַריער" וועקן.

ד.

די פראָלעטאַריער — צו ערשט: וואָס אַרבעטן אין קיך,
זיי דאַרפן צוגרייטן דאָס ברויט און קאַווע.
ער קלאַפּט איצט אין אַ פענצטערל אויף גיך:
— שוין צייט צום אויפשטיין, פרישטיק גרייטן, חוה! —

דערהערט ער אַ פאַרשלאָפענעם געמורמל: טוב!
און לויפט שוין ווייטער צו די ווייסע טירן,
וואָס זעען אין פרימאָרגן אויסעט גראָ, —
ווייל דער באַגין פאַרווישט אַלע קאָלירן.

ער קלאַפּט אין שויב פון מאיר דעם פעלאַך —
אַרום זיין שטיבל וואַקסן פרישע רויזן, —
נאָר מאיר איז פון לאַנג שוין וואַך,
שוין אָנגעטאָן אין חולצה און אין הויזן.

דער שומר לויפט — עס ליכטיקט שיין, —
ווי דער פרימאָרגן וואָלט אים נאָכגעלאָפן.
פון אומעטום מען ענטפערט אים: כן, כן!
נישט איינער אָבער ווערט צוריק אַנטשלאָפן.

דער שומר מיד, אים שווינדלט טיר און שויב,
ער קלאַפּט און רופט: שטייט אויפעט! — שרייט ער.
עס גיט אַ קאָפּ אַ מידער פון אַ קישן
זיך אַ הויב
און מען שלאָפט ווייטער...
פון הינטער בערג אָפּער עס רוקט די זון זיך אויפן ישוב —
אַ פלאַמענדיקער שייטער...

II.

ויהי בוקר

א

באַגינען.
עס רויטלט זיך דער האָריזאָנט,
ווי רויטע בלומען.
די זון איז נאָך דערווײַלע נישט דערשינען
אָבער זי דערמאָנט,
אַז זי וועט קומען.
די פעלדער טונקעלע אין נעפּל גרינען.

אַ נײַער טאָגבאַשאַף.
אין מײַן קיבוץ הייבט אויף זיך אַ געלאַף,
מען גייט פאַרוויקלט נאָך אין דרימלענדיקן שווײַגן...
חנה אײַלט זיך צו די הינער־שטײַגן,
צוויי עמער טראָגט זי אין די הענט
און שלעפּט אַ פוס אַ לאָמען:
איר פּנים אין באַגינען ברענט,
ווי אַ נר־תמיד.
זי גייט האַלב־וואַך און האַלב אין דרימל
און פּלוצים: אוי, דאָס שליסעלע פאַרגעסן!
די הינער געוואַלדעווען שוין ביז צום הימל:
זיי ווילן עסן.
זי פּרוווט די טיר און טראַכט:
עס קאָן אַ נס זיך טרעפן,
אַזאַ מין גליק
דאָס שלעסל זאָל אַליין זיך טאָן אַן עפן,
פאַרשפּאַרן לויפט אויף צוריק...

פרווט דאָס שלעסל... נייך, עס איז פֿאַרמאַכט.
אומזיסט אַ האָפֿנונג געהאַט —
און חנה שטעלט אַוועק די עמער:
„פֿאַשאַל נאַזאַד"...

אין דעם מחסן
איז חיים שוין פֿון לאַנג פֿאַראַן,
חיים פֿראַגער —
אַ דינער בחור, נאָר מיט פֿעסטער פֿעל;
ער איז אין אָט דעם גרויסן סחורות־לאַגער
אַ גאַנצער קאָמאַנדיר;
נישט גרעסער פֿון אַ זעקל מעל,
דאָך גיט זיך קיינער נישט אָן אים קיין ריר.
פֿון הויכער סטעליע
רינט אַראָפּ עלעקטריש ליכט, אַ שיטערס, געל
און פֿלייצט
אויף זעק מיט רייז, קאַרטאָפֿל, ווייץ.
דאָ קריגט מען אַלץ —
פֿון אַ ציטערנאָדל ביז אַ הויפֿן זאַלץ...
ווי דורך אַ כּישוף,
פֿון דאַנען שטראָמט צו אונדזער ישוב,
מיט מאָס און וואָג,
וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן, —
און אויפֿן בלעך־דאַך שטייען שוואַרצע ראָבן
און קראַקען אין פֿאַרטאָג.

ב.

אַ נייער טאָגבאַשאַף, —
ס׳הייבט אָן זיך אַ געלאַף.
מען שווייגט, מען רעדט קיין וואָרט,
מען גייט באַזונדער, און צוזאַמען, און אַ סך;
אַ יעדער צו זיין אָרט,
אַ יעדער צו זיין פאַך.

עס טראָגט זיך פון גאַראַזש
אַ רעש —
עס אַרבעטן די בויער־אַפּאַראַטן.
עס זענען דאָ שוין דאָרט די פעסטע יאַטן, —
כאָטש נעם זיי מאָלן
אַ יעדן ווי ער איז —
אין בלויע אָווער־אָלן
איינגעשמירט אין אייל און גריס...
עס הייבט דער רעש זיך הויך און העכער,
די לופט — אַן אָנגעגליטע:
מע בויערט לעכער,
פאַרפּעסטיקט ניטן.
עס שפּריצן פונקען, ס׳זעצט אַ פייער,
רעדער שרויפּט מען אָן אויף אַקסן,
מע בלאָזט אָן לופט אין גרויסע טייערס,
עס שפּאַרט אַ שווייס פון יונגע אַקסל...

די שלאָסערײ איז נאָך פאַרשלאָסן
אויף אַלע אירע שלעסער.
קלײבן זיך פאַרדראָסן,
ווי פאַרע אויף אַ שפּיגל,
און דער עיגול
פון די חברים ווערט אַלץ גרעסער; —
זײנוול — די טוריע דאַרף פאַרשלײפן,
נתן —
דאַרף אַ שרײפּל אין זײן שנײד־מאַשין פאַרשטײפן,
משה צו אַ רער אַן אײזערנעם אַ פּראָפּן;
פון קיך האָט מען געשיקט אַ טאָפּ פאַרלײטן שפּאַרעס.
— און זײ כראָפּען!
— די שלאָסאַרעס!
— אַזוי שפּעט!
— אַ חזירײ!
— כאָטש חי־וקים שרײ!...
קלײבן זיך חברים בײ דער שלאָסערײ
און מען באַרעדט...

אין דיר*) איז מען פון לאַנג שוין וואַך,
פון סטעליע ברענט אַ לאָמפּ, ווי אַ לבנה.
אריה איז שוין דאָ פון האַלבער נאַכט;
עס טראָגט פון אים מיט מילך און מיט השתנה...
עס איז די צײט ווען שעפּסן שעפּסלען זיך און מערן, —
שטײט מען אויף, נאָך אײדער ס׳גײען שלאָפן שטערן.

*) שאף־שטאל.

קיין איינס, חלילה, זאָל נישט גיין פֿאַרלוירן.
מען דאַרף דערהיטן: פֿון די יונגינקע וואָס נייגעבוירן,
מען דאַרף זיי וועגן,
פֿלעגן,
פרישן שטרוי זיי אונטערלייגן,
און זען אַז די מאַמע זאָל דעם געבן זייגן,
נישט פֿאַרטרייבן...
עס דאַרף אַ דיר׳ניק וואַך זיין, קלוג; —
אַרבעט איז פֿאַראַן גענוג
און וועט נאָך איבערבלייבן...

אין קו-שטאַל ברענען די עלעקטרע-לאָמפּן,
אַ יעדער לאָמפּ-צוויי הונדערט וואַט.
די קי, זיי שטייען ווי די גלאָמפּן,
אויסגערונדיקטע און זאַט.
צעשאָטן ליגן רעשטלעך קאָנישינע
פֿון נעכטן, און זיי וועלקן.
די קי זיי מעלה-גירהנען און סלינען,
און וואַרטן אויפֿן מעלקן.
איין קו שטייט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ,
אַ צווייטע, אין דער קייט זי פּרווט זיך קראַצן,
אַזש בלאָטע-שטיקלעך שפּריצן.
עס שווערן גרויסע אייטערס ביז אַראָפּ,
און פולע, ביז צום פּלאַצן,
הענגען — ראָזע וורשטלעך — די ציצן.

דער פריער טאָג הייבט אָן אין רפת בליען
און קלעפּט זיך צו די נישעס און געוועלבן; —
גאָר פּלוצים האָט אַ קו זיך מוראדיק צעשריגן,
אַ קו, וואָס גייט זיך קעלבן...

אין מעלקעריי שטראָמט וואַסער פון די קראַנען,
עס קלינגען לערע קאַנען,
גרייט די מילך אַריינצונעמען.
דער רפתן, אַ יונג אַ ריז, —
פינטלט מיט די רויטע ברעמען
און טראַכט:
וואָס זאָל עס באַדייטן —
אַ גאַנצע נאַכט
ער שטייט דאָ אויף די פיס,
און נישט געקומען איז מען אים פאַרבייטן? —
ער גייט אַרויס אין דרויסן: — שומר! —
נאָר ס׳לויפט שוין אָן זיין חבר מיט געיאָג...
עס העלן די קאָנטורן פון די ביימער
אין בלוילעכן פאַרטאָג———

ג

די קיך אין פאַרע איז פאַרוויקלט,
טירן־פענצטער שטייען אָפן.
פעסיע שייערט איצט דאָס בריקל,
אַלדעמע שיילט אַ זאַק קאַרטאָפל.

די קאַווע קאָכט שוין אין די קעסלען,
די קעז און מילך איז אויך שוין גרייט;
ס׳וועט באַלד דער עולם קומען עסן —
שניידט חיים אָן דאָס פרישע ברויט.
ווי זעגן — מעסערס לויפן, קייכן,
זיי יאָגט עלעקטרע־שטראָם אַרויף־אַראָפּ;
דאָס ברויט, אין פענעצן אין גלייכע,
פאַלט אַריין אין קאָרב.
די קערב צעפירט מען צו די טישן,
וואָס שטייען גרייט
מיט לעפל, גאָפל, מעסער, זאַלץ;
די ווייסע טישטעכער באַגריסן
יעדערן מיט פרייד.

ס׳איז ליידיק איצט אין זאַל,
עס שפּרייט די בלויע שטילקייט זיך פון וואַנט צו וואַנט,
לייגט זיך אויף דער פּאָדלאָגע אַ נידער
און הייבט זיך אויף און שטייגט.
עס זיצט דער נאַכט־תורן אַ מידער
און שווייגט.

דאָס נעאָן־ליכט, פרימאָרגן זאַפּט אַריין ווי שוואָם
און ווערט צערינען.
אַ דורך די גרויסע פענצטער גיט אַ שטראָם
אַריין דער בלוילעכער באַגינען...

ד

עס בלויט.
די פעלדער טונקעלע אין נעפל גרינען
ביי די ברעגן.
עס שיילט אָפּ הויט נאָך הויט
דער כמאַריקער באַגינען
און צעוואַרפט זי אויף די וועגן;
ווי אַ רייכע דאַמע אירע שלייערן
ציט אַראָפּ פון זיך
און שפּרייט.
משה דער פעלאך מיט מאירן,
שפּאַנען אין פאַרטאָגעדיקן ליכט,
דורך קילער בייט.
אונטער טריט — די ערד, אַ פייכטע,
אַ צעבליטע,
גרינט;
איבער קעפּ — דער לעצטער שטערן גיט אַ לייכט נאָך,
גיט אַ ציטער
און פאַרשווינדט...

ה

אַ נייער טאָגבאַשאַף.
ס׳הייבט אָן זיך אַ געלאַף,
אָט לויפט דאָרט יאָשע, שפּאַנט דאָרט בערע,
האַלב אין דרימל, איינגעהויקערט,
פלאָנטערט זיך זיין טראָט — — — —

ויהי — ערב,
ויהי — בוקר,
יום אחד...

III.

אונדזער טיש

א

אונדזער גרויסער עס־צימער איז נישט פֿאַרפּוצט
מיט שײנע פֿאָרהאַנגען און מיט געמעלן,
נאָר אויפֿן טיש, פֿון אַלדאָס גוטס
טוט מען שטעלן.

אונדזער טיש איז פֿול
און אַ פֿאַרגרײטער,
מיט אײער פֿונעם לול,
מיט פֿרישע,
מיט גרינע אוגערקעס פֿון די בײטן
נאָרוואָס אויסגעריסן.

איר פֿרעגט, מיט וואָס־זשע
אונדזער טיש איז הײנט באַלאָדן?
מיט װײנטרויבן מיט ראָזע,
מיט רעטעכלעך מיט רויטע,
גלײך פֿון באָדן;

און סמעטענע אין טעצעלעך פֿון פֿאָרצעלאַן
ווינקט אַרויס מיט אַלע טעמ׳ען,
סטריקאָװוקעלעך איז אויך פֿאַראַן,
פֿאַררויטלטע, פֿאַרפּלאַמטע.

אויך אײנגעזײערטע און קאַלטע קרויט,
באַשאָטענע מיט קימל און מיט פֿעפֿער,
און איבער אַלעמען דאָס ברויט,
די חלה.
אַ לויב צו די באַשעפֿער,
וואָס האָבן עס פֿאַרגרײט
פֿאַר אַלע.

ב

צום מאַלצייט דעם זאַטן
עס קומען אַריין,
אַ ביסל פאַרלוירן,
ברייט־פּלייציקע יאַטן,
וואָס ברענגען די ריחות פון גערטענער־ווײַן,
פון פעלדער מיט קאָרן.

זיי ברענגען די רחבות פון פליינען באַזונטע
און ברייטע,
פון בערג און פון טאָלן.
מען זעצט זיך אַוועק מיט אַפּעטיטן געזונטע —
אַרום אָט־די טישן פאַרגרייטע;
מען הויבט אָן צו מאָלן...

עס קלינגען די מעסערס, די גאָפּלען, די לעפל,
קלינגט יונגער, געזונטער געלעכטער,
וואָס קאָן גאָרנישט שטילן.
כדי אויף די טישן נישט פעלן זאָל שפע,
גיבן אַכטונג די יונגע און פלייסיקע טעכטער,
וואָס שוועבן אַרום ווי מאָטילן —

מיט פאַרטעכלעך ווייסע פאַרבונדן,
אויף אַקסלען עס פלאַטערן שלייפעלעך גרויסע,
ווי פייגלען, ווי גוטע;
עס גליען די באַקן, די אויגן געצונדן, —
מען טראָגט צו די טישן די קאַשע די הייסע
פון בולבעס פאַרשמאָלצן מיט פוטער...

דער עולם עסט מיטאָג.
באַגאָסן מיט זיבעצן שווייסן,
מאַכט מען אויף אייז־קאַלטע וואַסער: לחיים!...
אין דרויסן אַ גלי־טאָג.
די פעלדער, די ברייטע, די גרויסע,
זיי וואַרטן אויף יונגע און פעסטע ידים.

ג

דער ערשטער דור,
זיי קומען אָן פון פעלד מיט שטילע טריט
און זעצן זיך אַרום די פולע טישן.
אין שלייפן — שפּילן ביי זיי שוין ווייסע האָר,
אַ רונדער פּליכל בליט,
און אין די וואָנצעס — שוואַרץ און גרוי זיך מישן.

עס שמעקט פון זיי מיט גרינס און פרישע גראָזן,
מיט ווינט און וואַסער,
מיט נאָענטע גבולין;
ביי זיי איז שוין נישטאָ דער פיבערדיקער בחפזון,
מען רעדט געלאַסן,
מען שמועסט וועגן יבולן.*)

אַ וואָרט אַהער, אַהין אַ וואָרט,
מען שאַרט אַרויף דאָס ווייכע היטל,
מען רעדט אינאיינעם.
אַנטקעגן פונעם צווייטן טיש — דער יונגער דור,
ער קוקט אַ טראָפּעלע מיט ביטול
אויף די „זקנים".

*) גערעטענישן.

נאָר זיי, די „זקנים", אַרט עס ווי די וואַנט,
ס'איז פעסט נאָך זייער טראָט
און זייער פּלייצע;
דאָ פּילט זיך אומעטום נאָך זייער האַנט:
זיי זענען דער יסוד
מיט זאַך, מיט טאַט, מיט עצה.

זיי כאַפּן אויף דעם ביטול־קוק,
און ווייסן, אַז ס'איז נאָר פון יונגער גאווה
און נישט חלילה קיין פאַרשעמער.
און אָט אַ שמייכעלע דערלאַנגט אַ צוק
אויף ליפּ ביי מאירן, ביי פּיוועון
און ס'גיט אַ שפּאַר אַרויס אַ זמר.

ד

און קומט פון ערגעצן אַ זייטיקער צו אונדזער טיש, —
ביי אונדזער טיש איז נישטאָ קיין פרעמדער,
פון אַלעמען מיט וואָס ס'איז דאָ באַגריסט,
פון אַלדאָס גוטס, וואָס איז פאַראַן דאָ, נעם דיר!
און זאָל צום גומען דיינעם זיין עס זיס.
ביי אונדזער טיש איז קיינער נישט קיין פרעמדער.

מיר פרעגן קיינעם נישט, ווער, פון וואַנען איז?
פון וואַנען ר'זאָל נישט זיין, געבענטשט זיין קומען,
מען גיט אַ האַנט, אַ וואָרט, אַ גריס;
געבענטשט זאָל זיין די אויפזועריין בלומע,
ווייל איר געטראַנק איז קאַלט, קילט אָפּ, דערפרישט,
ווי אַלטער ווייַן דעם צמאדיקן גומען.

ס׳איז בלומעלע אַליין — אַ צאַרטע בלום.
מען רופט איר דאָ ביי אונדז: פרחיה!
זי פלאַטערט ווי אַ שמעטערלינג אַרום,
און אַלץ באַמערקט איר אויג אונטער די שוואַרצע וויעס;
אַ פרעמדער, אויב צו אונדז אין עס־זאַל קומט,
אַ מבין וואָס ער דאַרף — איז זי עס.

זי גרייט פאַר אים און פרעגט נישט וואָס און ווער?
די גוטסקייט קוועלט פון איר, ווי פון אַ ברונעם.
און ווען דער פרעמדער הויבט זיך אויפעט זאַט און שווער
(ער האָט נאָך אַלץ דעם קיבוץ נישט באַנומען)
און וויל באַצאָלן, זאָגט זי: — ניין, מיין הער,
דאָ איז אַ יידישע קאָמונע!...

די ברכה שפּאַרט מיט פרייד און צאָלט פאַר אונדזער מי,
גערעטעניש פון פעלד, פון גאָרטן און פון סעדער;
מיט עפּל, באַרן פונעם בוים, מיט האָניק פון דער בין,
מיט גרויסע קירבעסן, ווי רונדע רעדער.
ווער עס קומט פאַר „כל דיכפין״,
אַרויסגיין וועט פון אונדז מיט זעט ער.

IV.

אַן אסיפה

א

דער דרויסן — טינט —
אַ טונקעלער פאַרמאַכטער טורעם.
עס טראָגט זיך, הויערט ווינט
און שטורעם.
אַ פלאַם, אַ בליץ, אַ ליכט
די פינצטערניש צעלעכערט,
עס פּאַטשט אַראָפּ געדיכט
אַ רעגן פון די דעכער.

מיט שוואַרצע, קאַלטנדיקע בערד,
פאַרוויינט, פאַרפרעסט,
די ביימער בייגן זיך צו דר׳ערד;
נאָר שטאַם שטייט איינגעוואָרצלט פעסט.
אַ טאָפּאָלבוים שטייט נאַקעט ווי אַ דאָרן,
פאַרטרויערט און פאַרלאָזן,
אין יסורים, —
דאָס לעצטע בלעטעלע אַוועקגעבלאָזן
האָט פון אים דער שטורעם...

שאַקאַלן, הינט,
יאָמערן אין ווינט
געשמאַק און פלייסיק,
און איבער זיי האָט בייסיק
דער רעגן זיך צעזונגען.

דער קופּער־גלאָק האָט זיך צעקלונגען
מיט טענער באַסיקע און טיפע, —
דאָס רופט מען איצט דעם עולם: קומט אויף אַן אסיפה.

ב.

דער רעגן גייט געדיכט.
עס פּראַלן אויף זיך טירן, ווי די מיילער,
און שיסן אויס מיט שטראָמען ליכט.
חברים לויפן דורך דעם וויכער
אין געאייל,
מע זעט נישט קיין געזיכט;
די קעפּ — פאַרוויקלטע אין שליאַפּקעלעך, אין טיכער
און אין שאַלן.
דער רעגן הערט נישט אויף צו פאַלן.

עס קנאַלט אַ שורה דונערן, ווי קייטן,
בליץ יאָגט נאָך — אַ ווילדער רייטער
מיט פייערדיקע הענט;
מען ווערט פאַרבלענדט,
מען שטויסט זיך איינער אין דעם צווייטן
און מען לויפט אַלץ ווייטער.

די רעגנטראָפּנס שמייסן איבער היט און טיך
און אין די קערק אַריין זיי טריפן,
זיי גליטשן זיך אַראָפּ אין שטיוול און אין שיך...
דער עולם איילט צו דער אסיפה.

ג

און אין דער פינצטערניש — ווי אין אַ מעשהלע פון ביכער —
דער גרויסער חדר־האכל אונדזערער שטייט זיכער.
אַ געמויערטער פון שטיין געהאַקטן, שיכט אויף שיכט, —
ער שטייט זיך פון דער נאַכט אַרויסגעהויבן
און שפּאַרט מיט סנאָפּעס ליכט
פון אַלע זיינע שויבן.

אינעווייניק — אַ גערויש און אַ גערודער;
די נעאָן־לאָמפּן, אין סופיט אַריינגעשרויפטע טיף,
באַלייכטן אים, דעם זאַל, ווי ערב גאָר אַ גרויסער סעודה, —
עס דוכט זיך, אַז דער גאַנצער חדר־האכל איז אַ שיף.

אַ שיף — אַרום עס רוישן וואַסערן מיט געליאַרעם
און פּאַטשן אין די שויבן, אין די ווענט;
אינעווייניק איז געמיטלעך וואַרעם,
די שטאַרקע נעאָן־ליכט פאַרבלענדט.
חייקל פון גן־ירק — אויסגעווייקט און נאַס,
אַרומגערינגלט פון אַ גרויס געזעמל, —
פון אויפרעגונג ער איז אַזש בלאַס:
„דער גאַנצער רעגן איז נישט ווערט קיין שוועמל,
קיין אויסגעדרייטן ווייבערשן פאַנטאָפל! —
ער הערט נישט אויף צו פלאַקערן: —
דאָס פעלד פון הונדערט דונאַם צוגעגרייטע פאַר קאַרטאָפל
מ׳עט דאַרפן איבעראַקערן;
אַזויפיל מי אַוועקגעפּאַטערט,
נאָט אייך גאָר אַ רעגן, פון דער הויט דער העלער!...“
ער זעצט זיך אויף אַ ברעג פון באַנק פאַרמאַטערט
און ווישט אַ וואָנצע אָפּ אַ געלע.

און אין ד׳עם גרויסן טומל איינגעהילעט,
שטייט דער מזכיר, מיט אַ קאָפּ אַ סיוון,
ער פּאַטשט אין טיש: „חברים, שטילער,
איך עפן די אסיפה.“

ד

אינעווייניק — שטיל, דער רעש האָט זיך פאַרלאָשן.
אין דרויסן, ווי מיט עמערס, האָט געגאָסן.
דער עולם זיצט אויף האַרטע בענק, אויף טישן,
מען שטייט אויך ביי די ווענט,
מען ווישט זיך מיט די פייכטע הענט
די גלאַנצענדיקע שטערנס,
די נאַסע גאָמבעס אָן די בערד;
ס'איז דער עולם גרייט צום הערן
און ער הערט...
אין דרויסן הערט נישט אויף צו גיסן.

אַ חבר רעדט. און יעדעס וואָרט איז פול מיט פיבער,
און געגליט ווי אונטער בלאָז־זאַק אייזן;
ער גיט אַ דין־וחשבון פאַרן ציבור
וואָס מען האָט און מען דאַרף נאָך ערשט באַווייזן.
ער לייענט פון אַ צעטל לויט דער ריי
און מאָנט:
מיר האָבן נאָך נישט אַלע פעלדער אונדזערע פאַרזייט
און ס'איז דער פרילינג נאָענט,
עס וואַרט מען זאָל זי אויפרייסן די בייט,
און ס'איז דער טראַקטאָר אין גאַראַזש נישט גרייט.

די שעה איז שפּעט.
אַ צווייטער חבר רעדט,
אַ דריטער און אַ פערטער,
עס פאַלן פראַגעס, נעמען,
עס פליען ווערטער...
אַ האַלבער עולם דרימלט
און די קעפּ זיך וויגן.
די יונגע ווייבלעך שטריקן
און ס׳לויפן אום די שפּיזלעך ווילד מיט רויטן וואָל
איין רעדנערס אויגן...
ער בלייבט אַ ווײַלע שטיין, ווי אויסגעצויגן,
פאַרלירט פון שרעק דאָס קול
און ווערט אַנטשוויגן.

דער מזכיר, דער חבר מיטן קאָפּ דעם סיווען,
באַטראַכט דעם עולם מיט אַ קוק אַ שטומען:
„חברים, כ׳שליס היינט די אסיפה,
דער המשך וועט נאָך קומען“.

V.

וואַקסן דאָ יאַטן

א

וואקסן דאָ יאַטן,
עס זאָל נאָר קיין אויג זיי קיין בייזעס נישט שאַטן.
זיי וואַקסן מיט כוח פון לייבן,
ווער ווייסט עס פון וואַנען זיי נעמען ?
אַזש שווער איז צו גלייבן, באַנעמען,
זיי קאָנען צעברעכן אויך אייזערנע קראַטעס.
העכער מיט קעפ פון מאַמעס און טאַטעס
וואָס שטאַמען פון פוילן, פון ליטע,
ביי די ברעגעס פון ווילע און ניעמען, —
פאַרבליבענע שפּליטערס פון דער גרויליקער שחיטה,
וואָס שווער איז ביז היינט צו באַנעמען
די יאָרן פון בלוט און די יאָרן פון טומאה,
וואָס אָפּגעמעקט האָט דאַן אַ דריטל פון אומה.

וואקסן דאָ יאַטן,
ווי פעלדזיקע שטיינער, —
עס זאָל נאָר קיין אויג זיי קיין בייזעס נישט שאַטן —
יונגען מיט ביינער,
הויך ביז דער סטעליע ;
מיט אויגן בלויע און גרינע,
און שוואַרצע און העלע ;
מיט וואָנצעלעך דינע,
ווי געלבלעכעס גראָז, —
וואָס שעמענדיק קרייזלען זיך אונטער דער נאָז,
מיט פאַרבאהאַלטענעם נייגער און תאוה
און צ טראָפּעלע גאוה . . .

וואַקסן דאָ יאַטן —
אַ פרייד פאַר דער מאַמען. אַ פרייד פאַרן טאַטן.
ערשט נעכטן די קעפּלעך די קליינע געצוואָגן,
געיאָגט זיך נאָך טויבן,
נאָך יעטווערער טראַקטאָר און וואָגן;
אויסגעהאַקט שויבן,
געשפּילט ייד צוזאַמען און אָפּט זיך צעשלאָגן.
געטומלט, געפּלינדערט,
געוועזן אומעטום, —
אַזוי ווי ביי קינדער.
איצטער אַ פרייד נעמט אַרום,
אַ מחיה —
צו קוקן אויפן דור אויפן נייעם,
מיט גבורה באַלאָדן,
וואָס טרעט אויף זיין אייגענעם באָדן.

ערשט נעכטן געלאָפן אין גן און אין שולע,
באַלאָדנט מיט העפטן און ביכער אַ פולע
און פלוצים — קוק אָן ווי מען האָט זיך צעוואַקסן
מיט פעלדזענע אַקסלען;
מיט כוחות וואָס שרייען,
און פעסטע ידים,
פון ידים-לאַנד טאַקע,
אייזערנע, גרויסע.
דאָס קול — קול יעקב,
די הענט — ידי עשו — — — —

ב

ווען ס׳גייען די טעכטער און בנים
אַוועק אין צה״ל,
בלייבן ליידיק די קליינע בנינים,
ווי טרוקענע קוואַלן.

אין אָוונטן הוליעט דער ווינט מיט אַ ניגון,
רוישט דאָ אַרום.
ערגעץ יאָמערט אַ קראַנקער שאַקאַל,
ווערט אַנטשוויגן,
פאַרשטומט.
דאָס בערגל ליגט אויך אין דער נאַכט אויסגעקרומט.
פון ווייטן זיך זעען פרדסים.
עס טונקלט דער כרם פון זיתים
אין לבנה־ליכט קאַרג
און צעבלויט,
צופוסנס פון באַרג,
ווי אַ פּלויט.

קוקן די טאַטעס אַרויף צו פאַרלאָשענע ליכטער,
אין שייבעלעך בלינדע.
קראַצט מען די נישט געראַזירטע געזיכטער,
מען טראַכט פון די קינדער,
וואָס ליגן ערגעץ ווו אין אַ משלט.
ווילט זיך שטאַרק האָפן:
מאָרגן וועט קומען אַ בריוו.
אַליין מיד און מאַט,
זיפצט מען אָפּ טיף
און מען לאָזט זיך גיין שלאָפן.

ציען זיך טעג אויפן בערגל
אין אַרבעט פאַרטאָן
און פאַריאָגט.
אין אָוונט — דער אומעט טוט ווערגן,
לייענט מען בריוו,
וואָס מ׳האָט זיי באַקומען בייטאָג.

שרייבט יגאל:
...איך בין אַ מאַטראָז אויף אַ שיף
און פאָר איבער ים׳ען...
שרייבט אהוד:
„...איך פלי אין אַ סילאָן...“
ציטערט דאָס האַרץ ביי דער מאַמען
און קלאפּט, ווי אין אַ שויב קלאַפּט מען אָן —
פון פרייד און פון שרעק.
נאָר דער טאַטע מאַכט מיטן האַנט עס אַוועק
און פינטלט מיט פריידיקע ברעמען:
— ווייס איך, פון וואָס ס׳איז זיך דאָ איבערנעמען —
אַ פליער? דערפון?...
צי קענסטו נישט דיין זון,
און אויב די רעגירונג אים טרויט אַ סילאָן
ווייסט זי מסתמא וואָס זי האָט צו טאָן...
שמייכלט די מאַמע:
— יאָ, איך פאַרלאָז זיך אויף בן־גוריון׳ס גענעראַלן...—
דער טאַטע:
— און אַ פלי טאָן מיט אים געוועון וואָלסט אַ בעלן? —
— זיי נישט, איך בעט דיר, קיין שוטה! —
און הארציק צעלאַכן זיךביידע.

ג.

אָוונט. אַ ים־ווינטל בלאָזט.
בלוי איז דער נאַכטיקער דרויסן.
קיל איז דער ווינט נאָכן טאָג נאָכן הייסן.
ליגט די חברותה אויף טעפּיכער גראָז
לעם חדר־האכל דעם גרויסן —
מען שמועסט בציבור,
אַ שמועס וואָס האָט נישט קיין אָנהייב, קיין סוף.
פרעגן די שלאַנקע ציפּרעסן זיך איבער:
וואָס עפּעס פלוצים?
און וויגן פונאַנדער די קרוינען אַראָפּ און אַרויף,
ווי זיי וואָלטן געהערט וואָס עס ריידן די אַלטע חלוצים —
מיט שטימען מיט הייזעריק־כמאַרנע,
מיט פלעמלעך אין בליק;
חלוצים וואָס זענען געקומען פון ווילנע, פון סאַרנע
מיט דריי צענדליק יאָרן צוריק.

קייט מאָטל פון סטאָלין אַ זאַנג
און קייענדיק, קייט ער אַרויס אַ געדאַנק:
„דאָס בערגל, ביינאַכט פון דער ווייט
זעט אויס ווי מיט בלומען אַ קריגל...״
די חברה אַרום אין אַן עיגול
ליגן צעוואַרעמט, צעפּרייכט, ווי די בערן,
אין הערן.
קיקט לבנה פון אויבן אַראָפּ — אַ רונדער געשליפענער שפּיגל;
אַ זילבערן פּינטל —
אַ שטערן
לויפט איר נאָך, ווי אַ פּיצינקער הינטל,
אין די הויכע, די הימלישע ספערן...

ס׳רעדט גרינשפאַן. זיין שטים ווי פון גראָז און פון שאָטן:
„...איך בין אין קיבוץ פון די ערשטע,
נאָר קיינמאָל איז נאָך נישט געראָטן,
ווי דאָס יאָר, אין פעלד אונדזער גערשטן,
דער ווייץ און דער קאָרן, —
אַ שפע, ווי קומט גאָר צו דעם פאַריאָרן!
און אין גרינסגאָרטן, אוגערקעלעך, פּאָמידאָרן, בולבעס;
אַ פאַרפלייצונג, מאַכט ממש מבולבל.״
שווייגט גרישפאַן אַ ווייל און איז מוסיף:
„און די עפּלבוימער, פלוימענבוימער שטייען פול,
אַ ברכה אַ גרויסע
איז דאָרטן,
ווי וועט מען באַווייזן אַראָפּנעמען גאָר דעם יבול
פון פעלד, פון סאָד און פון גאָרטן?״

רופט הייזעריק אָן זיך אפרים:—
(אין דער נאַכט קלינגט זיין קול עטוואָס קלערער) —
„ווען ס׳היטן די בנים דעם גבול
פון סיריע, פון ירדן, מצרים,
דאַרף מען אַרבעטן אַ ביסעלע שווערער,
לענגערע שעהען און מערער,
ס׳וועט גאָרנישט נישט שאַטן,
נישקשה,
פאַר אונדזערע יאַטן
וואָס היטן דעם הימל, דעם ים און יבשה.״

אין בריינע וואָס אַרבעט אין קיך,
קאָכט אונדזער געקעכץ
גיט אַ קרעכץ:
„ווי ס׳לויפן די יאָרן אויף גיך?
מיין אורי, ווי לאַנג האָב אַנטווינט איך מיין קינד?
און היינט שוין אַ גאַנצער קצין...״

נאַכט.
אַ ים־ווינטל בלאָזט.
עס שווימט די לבנה אַ קלאָרע.
עס זיצן אַ בינטל חלוצים אויף טעפּיכלעך גראָז
און דערמאָנען אַמאָליקע יאָרן.

1950

* *
*

ווינטן און רעגנס און זון־טעג. נישט פלוצים
שניט קומט נאָך זריעה.
זיי גרויען, די אַלטע חלוצים
פון אָט דער פינפטער עליה.

די פלייצעס שוין עטוואָס געבויגן.
דער גאַנג — איז נאָך אַ געטרייער,
דאָך דאַרף מען אין זייערע אויגן
שוין זוכן אַ טראָפּעלע פייער.

ווייל מידקייט ברעכט איין אויף דעם עקשן.
ווו זענען אַמאָליקע צייטן?
און ווו איז דער דור דאָ געוואַקסן,
וואָס קומט ער זיי נאָך נישט פאַרבייטן?...

עס לעשט זיך דער אָוונט אַ שטומער,
די זון איבער ים אין ירידה.
עס טריפט אַזאַ גאָלדענער אומעט
פון ברוינלעכע הענט, פון די מידע.

מען שפּאַנט מיט עקשנות געלאָדן,
מען שפּאַנט פונעם פעלד ווי די ריטערס;
אויף פינגער עס קלעפּט נאָך דער באָדן, —
אַן אָפּשפּריץ פון זוניקע שפּליטערס.

די נאַכט פאַלט צו האַסטיק און פלוצים,
אַ שאַקאַל האָט זיך ערגעץ צעשריגן...
זיי גרויען, די אַלטע חלוצים
פון אָט דער פינפטער עליה.

גבעת־השלשה. — 1960

אינהאַלט

ליכטיקע אותיות

פאַרן בלוי פון מיין שויב 9
דאָס פעלד איז היינט געווען 11
כי טוב 13
אויף מאָרגן נאָך דער שמחה 15
דער טראַקטאָריסט 16
אמן! 17
תחילת אָוונט 18
לחיים 21
עס שפּאַנט זיין טראָט 23
מה מליל? 25
גוט מאָרגן! 29
פאַרגיב! 30
דער זייער 32
עס רעדט דער פויער־פּאָעט 33
מיין זון פון זיבן יאָר 35
צו מיין לאַנד 36
אין געראַנגל 39
אין שטאָט 41
אין אַ קאַפע מיט אַ חבר 43
די ברכה פון דער ערד 46
מיין תימנער שכן 49

ביימער אין ווינט

דריי ציפּרעסן 53
חמסין 57
אַ העזעלע 59
אַ תפילה 59
אַ ווערעמל 60
דער טויט פון אַ שמעטערלינג 61
די מילב 62
שוועלבעלעך 63

עס האָט אַ זין 64
אַ שלאַנג 65
נישט שרעק זיך 66
ווינט 67
אַ טאָג אַזאַ כמורנער 68
פון אַ בריוו 70
נאָכן רעגן 72
מען דאַרף נאָר וועלן 73
נאַכט 74
פרי־זומער 75
יאַנואַר 79
פעברואַר 81
מאי 82
תמוז 84
אב 86
חשוון 88
כסלו 90
פייגל 92
פאַרוויג מיך ווינט דו 94

פון די בערג

פון די בערג 97
„מבצע סיני" 99
קיבוץ־גלויות 103
צוריק ווי אַמאָל 104

ויהי בוקר

פרקים פון אַ פּאָעמע

א. ויהי ערב 107
ב. ויהי בוקר 111
ג. אונדזער טיש 119
ד. אַן אסיפה 124
ה. וואַקסן דאָ יאַטן 129
ווינטן און רעגנס 136

אין פאַרלאַג י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק
זענען ביז היינט דערשינען פאלגנדע ביכער:

י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 1) — אויספאַרקויפט
י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 2)
מענדל מאַן	נאַכט איבער גלושינאַ
אברהם סוצקעווער	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פּאַפּיערניקאָוו	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קיבוץ־לעבן)
יוסף ראָזען	געקליבענע שריפטן (העברעיש)
מלך נוי (ניישטאַט)	דאָס ערשטע און צענטע יאָר מדינת ישראל
מאָטעס דייטש	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש
אפרים שרייער	קונסט און טעאַטער (העברעיש)
יצחק לעוו	אין געראַנגל (געקליבענע שריפטן)
מרדכי יפה	צען ישראל־דיכטער
יצחק פּאַנער	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פּרץ גראַנאַטשטיין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 1)
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 2)
ה. לייוויק	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
נחמן דרוזדוב	אחד העם
עזרא קאָרמאַן	צייכנס און צירופים
י. לעשצינסקי	דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון גלות־יידנטום (העברעיש)
יעקב פּאַט	שמועסן מיט יידישע שרייבער (העברעיש)
רבקה באַסמאַן	טויבן ביים ברונעם (לידער)

י. צ. שאַרגעל	פון ווײ און גלויבן
דוד זאַקאַליק	געראַנגל
א. קאַרפּינאָוויטש	דער וועג קיין סדום
א. ריוועס	מיט דער שיף „טשיטשערין"
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער
מ. בערלאַנד	300 שעות בגיטו הדועך
מרדכי אורן	דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 1)
מרדכי אורן	דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 2)
יהושע גלבוע	אויף די חורבות פון דער יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד (העברעיש)
יחיאל האָפּער	ר׳ זלמן
הערש מענדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער
י. זינגער	דראַמאַטישע שריפטן
ב. וויינשטיין	אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע)
ש. וואַרזאַגער	ברויט (ראָמאַן)
לוי פּאַפּיערניקאָוו	אין דער נייער היים
אברהם ליס	היים און דויער — עסייען
ד״ר חיים שאָשקעס	מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער
נ. חנין	ברלה (העברעיש)
פ. בערמאַן	אָפענע פענצטער — לידער
י. זרבבל	עלי חיים (בלעטער פון אַ לעבן) — העברעיש
דוד פלאַקסער	אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן
משה ווייסמאַן	אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע
יחזקאל בראָנשטיין	עסייען און לידער
פ. גאָרעליק	אין די מלינער וועלטן
אריה שמרי	די פונקען פון תיקון (פּאָעמע)
אפרים אויערבאַך	קריה לבנה — ווייסע שטאָט — (פּאָעמע)
א. וו. יאַסנע	געשיכטע פון יידן אין לאָדזש אין דער נאַצישער אָקופּאַציע־תקופה
א. אלמי	מסיני לאולימפוס (העברעיש)